STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02812

IN SHPETE SHOHEN

M. Tabatznik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל טאַבאַטשניק

אין שפּעטע שעהן

פאַרלאַג „יאָהאַנעסבורג דרוקעריי"

יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע / תשכ"ה—1965.

IN LATE HOURS

BY M. TABATZNIK

PUBLISHED BY
JOHANNESBURG
DRUKKERY
P.O. Box 6169
Johannesburg, South Africa
1965

- לידער און פּאָעמעס:

- אַ חתונה:

- פֿאַר קינדער:

געווידמעט אונדזערע

טייערע און ליבע קינדער:

דוד און בעטה,

מירעלע און עליק,

בערנאַרד און רות.

פייגל און מענדל טאַבאַטשניק

די הכנסה פון בוך

גייט לטובת געזעלשאַפטלעכע

אינסטיטוציעס אין

יאָהאַנעסבורג

פון זעלבן מחבר:

„מענטש און זיין אָרום" — — — 1963 —

אויסצוגן פון רעצענזיעס און אָפּרופן

צום סוף פון בוך.

M. TABATZNIK, 101 CRADOCK HEIGHTS,

ROSEBANK, JOHANNESBURG,

SOUTH AFRICA.

דאַנקזאָגונג:

- די דרוקעריי פון דער „אַפריקאַנער אידישע צייטונג" און דעם זעצער
- ט. גאָלדשטיין פאַר זייער טעכנישע הילף ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

שער בלאַט געצייכנט פון א. ב ע ר י
COVER DRAWING BY A. BERRY

איז וואָס זשע...

איז וואָס זשע, אַז געבענטשט בין איך
אַ גליקלעכער אין לעבן,
און אַז עס האָט דאָס לעבן מיר
פון אַלדאָס־גוטס געגעבן?

איז וואָס זשע, אויב מיין גורל וויל
איך זאָל פון אַלץ געניסן,
און ס׳איז מיר אויך געווען באַשערט
איך זאָל פון צער ניט וויסן?

צי קען איך דען זיך פרייען היינט
אַליין מיט מיינע גליקן? —
ווען אויף אַ יעדן טריט און שריט
איך זע, ווי צרות שטיקן.

קראַנקייט, עלנט, נויט און פיין
און אָפטמאָל, ניט דערעסן.
איך זע אַ סך פון מיינע פריינד —
אויף גאָרער וועלט פאַרגעסן.

איז וואָס זשע, אויב איך האָב כל טוב
און כ׳קען מיט אַלץ זיך בענטשן? —
אַז גליקלעך קען איך מער ניט זיין,
ווען גליק עס פעלט דעם מענטשן.

*

אויב דיין האַרץ קען פילן פיין,
איז חברס צרות פונקט ווי דיין!

מאַמע־לשון

געכאָוועט האָט מיין מאַמע מיך,
געניאַנטשעט און דערצויגן,
ס׳האָט דער שווערער לעבנס-יאָך
איר רוקן אויסגעבויגן.

זי האָט פאַרוויגט מיך מיט געזאַנג,
מיט לידער שטיל, אין אידיש,
מיט מאַמע-לשון מיך געפּלעגט —
צי דען איז עס א חידוש?

האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך,
דורך טעג און לאַנגע יאָרן,
מיין מאַמעס ניגון ציטעריק —
די שפּראַך פון מיין געבוירן.

און ווי אַ זכר האַלט איך איצט
אָט די ירושה טייער —
מיין מאַמעס אַלטע מוטער-שפּראַך,
וואָס געלייטערט איז אין פייער . . .

די שונאים פון יידיש צו להכעיס

רייד איך אין יידיש,
פרייד איך אין יידיש,
שייד איך אין יידיש,
קלייד זיך אין יידיש —
די שונאים פון יידיש צו להכעיס.

טראַכט זיך אין יידיש,
דאַכט זיך אין יידיש,
לאַכט זיך אין יידיש,
וואַרט זיך אין יידיש —
די שונאים פון יידיש צו להכעיס.

זינג איך אין יידיש,
שפרינג איך אין יידיש,
קלינג איך אין יידיש —
טרינק איך פאַר יידיש —
די שונאים פון יידיש צו להכעיס.

טרערן

ווײנען קינדער אין די וויגן —
ווילן מער אין וויג ניט ליגן.
די טרער פון עופּהלע איז ביליק.

גרויסע קינדער זעלטן ווײנען —
אַ טרער פֿאַר זײ מוז עפּעס מײנען;
זי רינט ניט סתּם זיך, ווילִיק.

ווען מענטש דערוואַקסענער טוט ווײנען,
איז יעדע טרער פֿאַר אים אַלײנעם —
צי האַרץ איז אומעטיק, צי שפּיליק.

און יעדע טרער איז גרויסער טרויער,
טרער פון ווײ און טרער-באַדויער —
אַ טרער, וואָס בויערט גריליק.

נאָר אויך פֿאַראַן איז פרייד אין טרערן —
נאָר פרײדן טרערן זעלטן ווערן —
דורך טרער דאָס גליק ווערט פּיליק.

גלויבן

מענטש מוז לעבן מיט אַ גלויבן —
צי איז עס גאָט, דאָרט פון אויבן,
צי אידעאַלן, וואָס דערהויבן —
מיט עפּעס מוז זיך מענטש פאַרטויבן.

ווייל אָן אַ גלויבן — פּוסט דאָס לעבן,
ס׳וועט דעם מענטש קיין גליק ניט געבן,
אַזוי צי אַנדערש — מענטש מוז שטרעבן
און מיט חלומות זיך פאַרוועבן.

ווייל חלום איז דער גאָט דאָרט אויבן,
חלום איז דעם מענטשנס גלויבן —
אויף חלום קאָן זיך מענטש דערהויבן
און פון ערד די הימלען לויבן.

הפקר אַ וועלט...

שלינגט איין אַ פייגעלע אין פעלד
אַ ווערעמל — אַ שוואַך און קליין,
קיינעם, ס'ווערעמל עס פעלט —
ס'מעג אַ ווערעמל פאַרגיין . . .

שלינגט איין אַ העכט אין ים
אַ פישל — שוואַך און קליין,
ווער דאַרף אַ פישל סתם —
ס'מעג אַ פישעלע פאַרגיין . . .

פאַרצוקט אַ לייב אין וואַלד
אַ העזל — שוואַך און קליין,
ווער זשע הערט אַ העזלס גוואַלד —
ס'מעג אַ העזעלע פאַרגיין . . .

מאָרדעט שטאַרקער מענטש
זיין ברודער — שוואַך און קליין,
דאָך עמיץ די מלחמה בענטשט —
ס'מעג אַ מענטש פאַרגיין . . .

מיין קינדישער ערב יום־כיפור

איך שלאָג אָפּ כפרות אין סאַמע באַגינען,
מיין הערצל — עס צאַפּלט אין טרויער, אין דינעם,
ווי פליגן פאַרשמאַכטע, פאַרשפּינט אין געוועבן:
צי וועלן די זינד מיינע ווערן פאַרגעבן ?

אַ שומר פון מצוות אַ שטרענגער — מיין טאַטע,
כאַטש אַלע אין שטוב זיינען זעלטן ווען זאַטע.
ער טרייבט די עבירות פאַרדאגהט, פאַראומערט,
און ערב יום-כיפור ווערט ער נאָך פרומער.

גייט ער מיר נאָך און די טריט מיינע היט ער,
אין גדר פון מצוות — כ׳גיי אום אַ געשמידטער.
קוועלט אָן דער טאַטע: מיין יינגעלע פרומער,
זאָלסט נאָר ניט פאַרקריכן אויף וועגן אויף קרומע.

צו מנחה דער טאַטע, ער איילט מיך: שוין צייט.
פול דער בית-מדרש. מע יאָמערט, מע שרייט.
אָט הער איך נאָך היינט פון מלקות די שמיץ;
כ׳זע לייבער — ס׳וואַרפט זיי אין קעלט און אין היץ.

די קערות אין פאָליש — זיי בלאַנקען אין שיין,
וואַרפט טאַטע דאָרט ס׳לעצטע מטבע אַריין.
און אָט — שוין פון מנחה מיר גייען צוריק —
איך כאַפּ אויף דעם טרויער אין טאַטעשן בליק.

די מאַמע צינדט אָן די ליכט אין די לייכטער.
דער טאַטע, ער בענטשט אונדז מיט אויגן מיט פייכטע.
די שטילקייט אין שטוב ווערט אין פּחד פאַרהילט.
ביי מאַמען דער בליק איז פול ליבשאַפט און מילד.

אויף גאַסן אַ שלווה נידערט אַראָפּ —
מיר שפּרייזן דורך זיי מיט געבויגענעם קאָפּ.
פון ערגעץ אַ ווינטל זשומט, ווי אַ בין:
גרייט זיך צו חשבון, צו משפט, צו דין!

פון ווינטל אַ שטורעם אין האַרץ ביי מיר ווערט
און ס׳טוט זיך אַ וויג אונטער מיר גאָר די ערד,
מיט חושך ס׳טוט זיך אַ דעק צו די גאַס —
כל נדרי . . . און הימלען צעטראָגן דעם רעש.

און ליכט אין בית-מדרש פאַרדאַפּלען די שיין.
דער חושך, ער שפּאַרט אין די פענצטער אַריין.
כל נדרי . . . און ס׳ווערט אַזוי לויטער און ריין,
אין האַרצן פלייצט אָן אַזאַ קינדיש געוויין.

באַלאַדע פון אַ געטאָ־מאַמע

געווען איז דאַן אַ געטאָ-טאָג אַ טריבער,
אין אימה האָבן זיך צונויפגערוקט די שטיבער,
מיין יינגל האָט געטוליעט זיך — כ׳האָב דערזען:
מיין קינד — אַן אַלטער מאַן פון אַ יאָר צען — —
די גרוב אַ שוואַרצע האָט געוואַרט, געווען גרייט
אויפצונעמען זון און מאַמען — זאַלבעצווייט.

דאַן האָט נס, בטעות, מיך פאַרדעקט אין שטוב,
און מיין קינד האָט נאַכט פאַרדעקט אין גרוב —
געפאַלן איז אויף מיר זיין לעצטער בליק,
און ביז היינט מיך שטיקט דאָס בייזע גליק
פון ראַטעווען דאָס בידנע לעבן מיין —
ווי דורך אַ טראָפּן בלוט זע איך פון טאָג די שיין.

און מיין אומרו יאָגט מיך, ווי דער ווינט,
מיין לעבן אָן אַ ציל — ווי וואַסער עס צערינט,
וווּ איך גיי און וווּ איך שטיי —
אומעטום הער איך ז י י ן וויי-געשריי,
אומעטום — ער גייט מיט מיר, דערנעבן,
און זיין שטומקייט מאָנט ס׳ניט געלעבטע לעבן . . .

פון דאַן — איך טרייב אויף גיך די יאָרן,
איך בין שוין אַלט און גרוי געוואָרן,
און פאַרזינק איך שוין אַמאָל אין שלאָף,
באַפאַלן מיך קאָשמאַרן פון ז י י ן סוף — —
איך דערהער געיאָמער און געוויין,
מיין קישן ווערט — ווי אים די ערד — אַ שטיין.

נעם איך תפילה טאָן: מיין זון, מיין ליבער!
אַ גאָט, טו נאָך אַמאָל אַ נס — טראָג מיך אַריבער
צו אים! באַהעפט אונדז — מאַמע-זון צוזאַמען!
מיין לעבן, גאָטעניו, ביטער איז ווי סמען,
אין מיין האַרץ כסדר פּיקט אַ שוואַרצע קראַ —
שטיל איין מיין פיין אין ווייטאָקדיקסטער שעה!

טאָג בלענדט-אויף אין שיינען איינגעהילט.
מאַמעס האַרץ פאַרגליווערט, איינגעשטילט.

חורבן־נעסט

(באַלאַדע)

אין אַן אַלט געדיכט-פאַרצווייגטן בוים
געווען איז יאָרן שוין אַ נעסט.
און ווען זומער פלעגט פאַרגאָלדיקן דעם רוים
פלעגן אויספּיקן זיך צווישטשערדיקע געסט.

פאַרטאָג פלעגט גלייך אַרויספליען די מאַמע
און אַרויספּיקן אַ קערנדל פון זאַנג,
אַ צעטרילטע — זי פלעגט זיך ניט פאַרזאַמען,
ניט צו לאָזן פייגעלעך אַליין צו לאַנג.

און אַט איז מאַמע שוין צוריק,
אַלע שנעבעלעך צו איר זיך אויפגעמאַכט.
שפּילט די זון אין מאַמעס בליק —
זי איז גליקלעך: אַ קערנדל געבראַכט.

נאָר איין מאָל האָט זיך זון פאַרצויגן,
געוואָרן פינצטער איז אין נעסט —
מאַמע-פויגל איז צוריק געפלויגן
מיט אַ ווערעמל אין שנעבעלע פאַרפרעסט.

פלוצים ט׳זיך אַ שטרעק געטאָן צום בוים
אַ פייערפינגער ט׳אָנגערירט דעם שטאַם —
און שוין געוואָרן אין אַ רגע קוים
אַרומגענומען פון אַ פלאַם.

און ווי מיט בליץ אין אַ פֿאַרמעסט
איז מאַמע־פֿויגל אָנגעפֿלויגן שנעל.
און אַראָפּגעפּאַלן צו די פֿייגעלעך אין נעסט
אַ גליאיקע, אַ בלענדיקע און העל.

דזשאַקאַראַנדאַ־בלומען

די דזשאַקאַראַנדאַ-בלומען ווייזן זיך צוזאַמען,
ווי אונטן וואָלטן זיך צונויפגערעדט די שטאַמען,
מיט איין מאָל טוען אַלע ביימער אויס דעם אומער
און אַ גאָלדענע בליט אויף די קרוין פון זומער.

הייכע ביימער גייען אויף אין שיינען,
ווי בעכערס אָנגעפילט מיט שטאַרקע ווייַנען,
אויגן ליכטיקע עס ווינקען — בליט צו בליט,
און אַ שטילע גיסט די רו זיך אין געמיט.

קוועלט אויס דער ים קאָליריקער, פיאָלעטער,
מיט פרייד מיט פוכיקער, מיט ווייך-געבעטער,
ביימער אָנגעקליידט אין יום-טובדיקער טראַכט
דעם האַריזאָנט פאַרפּלייצן רייציקע, אין פּראַכט.

פאַררייסן מענטשן קעפּ און בוים טוט זיי באַגריסן
מיט שמייכלען ראָז-פיאָלעטעווע און זיסע,
און יעדער איינער שטעלט זיך אָפּ באַזונדער
און גאַפט אויף ביימערישן וווּנדער.

דזשאַקאַראַנדאַ-בוים גרייכט איצטער די מדרגה,
ווי אַ מענטש דערהייבענער, אַ שטייגער —
אָרום עס שימערן אין זון-פאַרבן נאָך בלומען,
נאָר צו זיין כישוף קענען זיי ניט קומען.

פאַרמישפּט אָבער זיינען שיינקייטן פון לעבן:
ביים אָנהייב שטייט שוין זייער סוף דערנעבן —
אין מיט פון יונגן דזשאַקאַראַנדאַס בליען
מיט גליוועך טוט דער טויט די בלום פאַרציען . . .

אַט פליט אַן אַ ווינט מיט אַ פיצל ווינטל
און אַ כאַפּ זיי טוען בינטל נאָך אַ בינטל —
וואַרפן אַלע צוויטן זיידענע צו דרערד,
און בוים בלייבט אין זיין נאַקעטקייט פאַרקלערט.

די ערד, ווי תמיד, ווייט און ברייט געשפּרייט —
אַלע בלומען ליגן אויף איר טויט,
ווי אַ טעפּיך פון פיאָלעטענע קאָלירן,
וואָס טוט קוים-קוים די ערד באַרירן.

אַזוי געפאַלן זיינע בלומען — שאָט נאָך שאָט,
אַזוי צעטראָטן האָבן פיס זיי — טראָט נאָך טראָט.
איצט לויפן זיי פאַרביי די מענטשן — פרעמד,
בלומען קאָרטשען זיך — ווייטיקדיק-פאַרשעמט . . .

נאָר-וואָס האָבן זיי דאָך אַזוי לייכט געשוועבט!
נאָר-וואָס האָבן זיי דאָך אַזוי שיין געלעבט!
ווי אַ חלום — אַ פאַל פון הימל צו דער ערד,
קומט אַ בעזעם — און די שיינקייטן פאַרקערט . . .

אין אויטאָ — און צופוס

(ראָסן־באַציאונגען)

געבויגן אונטער שווערער לאַסט
אַ שוואַרצער מענטש שניידט דורך די גאַס,
לויפט אַן אויטאָ אַן — אין האַסט,
פון אונטער רעדער שפּריצט מיט האַס . . .

און אונטער משא — שווער, דערדריקט,
צאַפּלט אויף דער שוואַרצער שטום,
פון אויטאָ פאַלט אַ בייזער בליק —
מיט אַ קללה און אַ ברום.

מיט אומגעדולד דער אויטאָ פּייפט:
שוואַרצער טייוול, זע, איך אייל!
דער שוואַרצער שטייט פון שרעק פאַרשטייפט,
ווי אין ברעכן־זיך — אַ זייל.

באַגעגענען זיך אויגן פיר:
ווי פּייערלעך, ווי בלויע — צוויי,
און צוויי — פון ברוינעם ביר־קאָליר,
קוקן אומעטיק, מיט וויי.

און אויגן פירן אַ געשפּרעך,
אַזוי, אַן ווערטער אַ דועל;
די בלויע — האַסיקע און פרעך,
די ברוינע צוויי — מיט פראָסט צעהעלט.

„שוואַרצע ברואים! שוואַרצער פּעסט!
איר פֿאַרטונקלט ווייסן טאָג;
ווי ראָבן שוואַרצע אין אַ נעסט
איר פּלאָדיעט זיך אויף יעדן ראָג . . .״

די ברוינע אויגן ווינקען אָפּ:
„שוין צייט דו זאָלסט אַליין פֿאַרשטיין,
יחסן ווייסער, פּוסטער קאָפּ!
כאַטש צופּוס — וועל איך ד ע ר ג י י ן״ — —

אין ערָאפּלאַן

ס׳טרעפּט: דאָס פּעקל אויף דיין פּלייצע
שווער ווערט — גיסט זיך ניט קיין עצה,
דאַן שנעלער לויף צום עראָפּלאַן
און פון דער ערד — אַ מיליאָן שפּאַן . . .

און דאָרט אין רוים, דעם ליכטיק-ברייטן,
מן המוכן — אַלץ פון גרייטן,
וועסט פאַרגעסן אַלע זאָרגן —
ניט קיין לייען, ניט קיין באָרגן.

באַקוועם דו זיצסט אין שטול דעם ווייכן,
פליסט אַרום אין בלויע הייכן,
דופסט דעם הימלשן געטראַנק
און ס׳ווערט באַרואיקט דיין געדאַנק.

די סביבה איז אינטים, אַ קליינע,
די אַטמאָספער — אַ פריינדלעך-ריינע,
דו הערסט קיין וואָרט ניט פון רכילות —
די פאַלשע ערדישע רגילות.

ניט קיין גזירות, קיין געזעצן,
מענטש אויף מענטש דאָ טוט ניט העצן.
די ערד פאַרוויקלען וואָלקנס גרויע,
נאָר איבער דיר — אַ הימל בלויער.

ווערט לויטער, ווי די זון, דיין טראַכטן,
אַ שנור אַ ליכטיקער — דיין דאַכטן.
און דו דערפילסט, ווי נישטיק ווערט
דיין בידנע, ווייטע, ברעקל־ערד . . .

שאָטן

שאָטן ערדישער —
ווער ביסטו?
דיין אָפּשטאַם —
זון!
דיין השגחה —
זון!
דיין באַשעפער —
זון!
זון אין הימל — ערשט,
דאַן — דו אויף ערד!
די זון געשענקט האָט דיר
וועלדער און ביימער,
מויערן און ווענט,
שטיבער און פּלויטן,
פעלדזן אין געבערג —
טויטע זאַכן,
וואָס זיינען דיינע האַרן,
און דו —
זייער טונקעלער רעפלעקס.

נאָר דינען טוסטו דעם מענטשן —
דעם בחיר הבריאה —
אים טוסטו באַשיצן
מיט דיין שאָטנדיקן פליגל.
אויך אויף בעלי-חי
פאַלט ווייך און קיל
דיין שאָטנדיקער חסד.
און אַלע לעבעדיקע —
וואו זיי קערן זיך,
וואו זיי ווענדן זיך —
זייערע טריט
לויפסטו נאָך —
אונטערטעניק און געהאָרכזאַם —
אַ מאָל פאָרויס,
אַ מאָל פון הינטן.
און כאָטש מענטש
גייט אויף דיר,
שטייט אויף דיר,
לויפט אויף דיר,
טרעט אויף דיר,

שפּאַנט אויף דיר,
טאַנצט אויף דיר,
פרייט אויף דיר,
וויינט אויף דיר —
נעמסטו אים אין די זומערן
אַריין אין דיין שויס
און קילסט אים,
גלעטסט אים
מיט דער ליבשאַפט
פון אַ מאַמען,
וואָס איר האַנט
איזווייך־גראָזיק
און שמעקענדיק־ערדיש.
אָ, וואויל איז דיר —
דו נידעריקסטער
פון די נידעריקסטע
אויף דער ערד!

דעם טיגערס מאָנאָלאָג

אויף אַן אויסשטעלונג פון בילדער
הענגט אַ טיגער — אַזאַ ווילדער,
בייז ער רעוועט, מיט געפילדער
און ער וויל ניט ווערן מילדער.

קעגנאיבער אויף אַ וואַנט:
אַ יעגער מיט אַ ביקס אין האַנט,
פון די זייטן בייזע הינט,
פון די מיילער — שוים זיי רינט.

„גרויליק, גרויזאַם איז דאָס בילד!"
איינער זאָגט: „מיין בלוט עס קילט —
דער טיגער וואַרפט אויף מיר אַ שרעק,
ווי מאָלט מען עס אַזוינס, איך פרעג.

מיט אַ שמייכל און מיט רו
קומט דער קינסטלער צו אים צו,
און ער גיט אים צו פאַרשטיין:
„ס׳איז פאַראַן אין בילד אַ מיין.

„ס׳איז איינגעפאַלן מיר אַ טאָג —
אַ בילד: „דעם טיגערס מאָנאָלאָג" —
מאָלן מענטש אַנטקעגן טיגער,
מיט אַ ביקס — דעם גרויסן זיגער.

„נאָר דער טיגער — בראַוו און בייז —
כאַטש דער טויט קומט אָן, ער ווייס,
שרעקט זיך פאַר דעם מענטש ניט אָפּ,
ער בייגט זיין קאָפּ ניט אַראָפּ.

„ער הייבט גאָר אָן בייז צו ברומען,
דער מענטש פאַרשטייפט ווערט און אַ שטומער,
נאָר דער טיגער הייבט אָן ריידן —
מענטש זיין ביקס האַלט אַ גרייטן . . .

„זעסט: דער מענטש שטייט צום פאַרמעסט . . .
זעסט: דער טיגער רעדט שוין פעסט:
גלייב מיר, מענטש, בנאמנות,
ס'איז אויס מיט מענטשלעכער יחסנות;

„און אייער מענטשלעכע מאָראַל
האַלט אַלץ אין איין פאַלן,
ווייל איר האָט נאָר איין אידעאַל
(שטענדיק אַזוי און איבעראַל):

„בלוט אומזיסטן צו פאַרגיסן,
כדי פון לעבן צו געניסן . . .
אויך מיר חיות — טיגערס, וועלף,
פאַרגיסן בלוט — נאָר גיי זיך העלף,

„אַז אונדזער עקזיסטענץ איז רייסן,
ניט סתם, צוליב הנאה בייסן,
ווי איר, וואָס פֿאַרגיסט סתם בלוט,
פֿון ווילטאָג, ווייל עס איז אייך גוט.

„פֿאַרגיסן בלוט איז אַ טאַט,
ניט געקוקט וואָס איר זייט זאַט,
און ניט נאָר אונדזער בלוט פֿאַרגיסט איר,
נאָר גאַנצע פֿעלקער, ראַסן שיסט איר.

„און איר שיסט איינער דעם צווייטן,
האָס צווישן מענטשן זייט איר —
און איר רופֿט עס: צייטן נייע . . .
אַ חיה פֿרעסט ניט שוועסטער-חיה!

„ווען שטאַרק הונגעריק מיר זיינען —
צום אייגן מין ניטאָ קיין טענה,
מיר ווילן בלויז דעם הונגער שטילן,
מיר טוען קיין רציחה פּילן . . .

„לגבי מענטש, וואָס איז געמיין,
איז אונדזער געוויסן ריין;
ווען אונדזער הונגער איז געשטילט
זיינען מיר ווי שעפֿלעך מילד.

„אָבער איר, דערוויילטע ראַסע,
מערדער אַלע, ווי איין מאַסע,
מאָרד און רויב, טעראָר און טויט,
מיט קנאה, שנאה איז באַגלייט.

„ווילט זיך אונדז, חיות, פרעגן,
נאָר נעם די פראַגע אָן אויפרעקונג:
וואָלט ניט יושרדיק געווען —
איר אַליין זאָלט עס דערזען:

„די נעמען אונדזערע צו בייטן,
אַז בלייבן זאָל פאַר אַלע צייטן:
נאָמען מענטש זאָל חיה קרוינען,
און בעסטיע פאַר דעם מענטש, זיין נאָמען.

ביימער — צוזאַמען...

(כי האדם עץ השדה הוא)

האָבן ביימער
פוןביידע זייטן גאַס
צוגעבייגן זייערע קרוינען-קעפּ
איינער צום אַנדערן —
זיך אַרומגענומען,
זיך צוזאַמענגענומען,
זיך צוזאַמענגעקומען.

און פון דאַן אָן
שטענדיק זיי טוליען זיך,
זיי דריקן זיך,
זיי האַלדזן זיך,
זיי קושן זיך,
ווי לייבלעכע ברידער.

שוין אַמאָל —
אין יענע ערשטע יאָרן —
די מעשה ציט זיך ווייט צוריק —
ווען גרינע יונגשאַפט
האָט געבליט אין בליק
איז גרויס געווען די שנאה,
און גרעסער נאָך די קנאה —
איינער דעם אַנדערן

האָט ניט פאַרגינט
אַ טראָפּן מער רעגן-זאַפּט,
און מיט חשד געקוקט האָט
איינער אויפן צווייטן.

נאָר פאַרויס די יאָרן
זיינען זיך געפלויגן,
האָבןביימער מיט די צווייגן
זיך צו זון געצויגן —
און יעדער בוים צום הימל
האָט אַרויפגעקוקט מיט גרינע אויגן.

זיינען יאָרן פיל, פיל נאָך אַוועק,
און מיליאָנען רעגן-טראָפּנס
די וואָרצלען האָבן אויסגעטרונקען,
זיינען דיקער אַלץ געוואָרן
די שטאַמען
און די ביימער מוסרן גענומען:
„ווי לאַנג נאָך, ליבע קינדערלעך,
וועט איר זיך אַרומקריגן?
איר זייט דאָך שוין דערוואַקסענע —
דער ווינט קען אייך שוין
לייכט ניט וויגן.

שוין צייט פאַר אייך
מאַכן שלום צווישן זיך,
וועט דער ליבער גאָט
אייך ניט זשאַלעווען קיין וואַסער
גאַנצע פּאַסן...״

האָבןביימער געפּאָלגט
די קלוגע רייד פון טאַטעס־שטאַמען —
איינער צום אַנדערן צוגעבויגן קעפּ
און פאַרבונדן זיך צוזאַמען.

און זון־שטראַלן פון אויבן
מיט צערטלעכקייט גלעטן די קרוינען,
און פון רעגנדיקער שמחה
די גרינע בלעטלעך שיינען.

און די ביימער־אַלע שיצט דעם מענטש
פון רעגן און פון היצן:
פאַרהאַלט די טראָפּנס
און די שטראַלן —
לאָזט זיך אָפּרוען דעם מענטש,
דעם מידן.

קוקט גאָט פון אויבן
ווי דיביימער גרינען,
שיקט ער שטראַלן, שיקט ער רעגן,
און מיט טוי באַדעקט ער זיי באַגינען.
קוויקן זיך פון נחת שטאַמען
און ווינקען שטילערהייט צום מענטש
אין זייער שאָטן:

נעמט, איר מענטשן
אַ מוסר-השכל זיך אַראָפּ פון אונדז —
די ביימער:
ווייל מיר האַלטן זיך צוזאַמען
טוט גאָט אונדז בענטשן.
פרייוויליק האָבן מיר
זיך אָפּגעקערט פון די רוימען,
זיך אַרומגענומען
און די טראָפּנס פאַרטיילן מיר
גלייך אויף גלייך —
ווער זשע לאָזט ניט טאָן
דאָס זעלבע אייך?

סאָציאַליסטישע טעאָריעס

דער מאָטיוו איז אָנגערעגט דורך אַן אַרטיקל
פון דוד איינהאָרן אין „פאָרווערטס״ (10טן מאַי)
וועגן דעם וועלט־יריד אין ניו־יאָרק.

אַלע טעאָריעס
פון אַנאַרכיסטן
און אוטאָפּיסטן,
פון סאָציאַליסטן
און קאָמוניסטן —
די אַלע טעאָריעס
האָט זיך אַרויסגעוויזן
טויגן שוין היינט אויף כפרות.

ס׳איז אַן אַלטער שילד
אויף אָפּגעלעבטע טעאָריעס,
וואָס צעשוימען מיטן נעפּל.
ניי און אַנדערש איז דאָס בילד
פון מאָרגן —
זיין גאַנצע מאַשינעריע
ליגט פאַרבאָרגן
אין איין און איינציק קנעפּל.
מען דאַרף ניט זוכן ווייט
אין דער אַלטער „בוכהאַלטעריע״

פון דעם נביא מאַרקס —
בלויז די איבערגאַנגס־צייט
פון אַרבעט און רווחים אויפן מאַרק
האָט ער געזען,
און דעם פּראָליעטאַריער —
דעם מיטלפּונקט פון דער געשיכטע
נאָר דורך יאָרן עפּעס איז געשען —
די טעכנאָלאָגיע ט׳זיך געטאָן אַ קער
און אומגעדרייט אַלע טעאָריעס
גאָר אומגעריכט.

נעכטן נאָך האָט מען געוויזן
אויף אַלע געמאָלטע פּלאַקאַטן
הויכע ריזן —
אַרבעטער־יאַטן,
מיט האַרטע מוסקלען, ווי אייזן,
און מיטן בליק זיי שיסן
רעוואָלוציע שפּיזן,
אָט אַזעלכע קענען וווּנדער ווייזן!
זע: האַמער אין דער רעכטער האַנט,
ראָד — אין לינקער,
און פון פאַבריק־וואַנט
שרייען אותיות רויט אַראָפּ און ווינקען:
„ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל
שטייען אַלע רעדער שטיל״.

הײנט פֿאַרבײטן איז דאָס בילד,
ווײל דער האַמער מער ניט גילט.
און פּראָליעטאַריער בעטן הײנט צו גאָט:
שטעל אָפּ דאָס געלויף פֿון ראָד!
און אָנשטאָט נעכטן געקרוינטן פּראָלעטאַריער
שטײט גאָר אַ מענטשל מיט אַ הויכן שטערן,
פֿאַרקנײטשט איבער אַ קשיה אַ האַרבער:
ווי פֿון לעבעדיקע הענט פּטור צו ווערן?
האַלט ער זײַן פֿינגער אויף אַ קנעפּל
און אַ נײַע צוקונפֿט וויקלט זיך אַרויס פֿון נעפּל.
ווי אויף קלאַווישן פֿון אַ פּיאַנאָ
אַלע קנעפּלעך שפּילן אויף צוזאַמען
און זײ לאָזן לויפֿן רעדער אין אַ גאַנג
פֿון אַטאָם-עלעקטרישן געזאַנג.
דאָס איז אַ נײַער טאַנץ —
מיט נײַעם ריטעם און אַ ביסל ווילד,
פֿון זײַן רויש
צײַטנווײַז דאָס בלוט פֿאַרקילט.
נאָר ניט פֿאַראַן אין אים רעוואָלוציע-גלאַנץ,
ניט קײן קלאַסן — אויפֿגעבראַויז:

בלויז —
דאָס איז פון שטאָל די מאַכט,
וואָס דאַרף ניט מער קיין אַרבעטער
פון בלוט און פלייש,
ווייל אָנשטאָט אים
די מאַשין אַרבעט טאָג און נאַכט,
אויסגערעכנט, רעגולער,
מיט פלייס
און זין.
און אַ זאַך ווי שטרייק וועט זיין פאַרגעסן,
אויב דעם אַרבעטער זאָל אפילו פעלן עסן,
זיין שכירות וועט ניט ווערן מערער,
ווייל מאַשין איז נאָכגיביק און באַקוועמער;
מ׳וועט ניט דאַרפן פראָליעטאַריערס כחות,
אָנשטאָט טויזנט הענט וועט סטייען איינע —
אַזאַ וואָס בויט שטאָל-און אייזן-מוחות
און קען פאַבריקן טרייבן איינינקע אַליין.

און דער אויסדערוויילטער אַרבעטסמאַן
קוקט ניט מער אַרויס צו צוקונפט בלויער,
פון אויטאָמאַט די שאָטנס פאַרשטעלן אים די שיין
און וואַרפן אָן אַ שוואַרצן טרויער.

דאָס לעבן

1. אין פילם

וואָס זיינען פילמס און וואָס זיינען בילדער ?
נאָר אַ שאָטן פונעם שפּילעוודיקן לעבן —
ווייל וואָס זשע אַנדערש קענען פּאַטאָס שילדערן ?
וואָס אַנדערש קען דער שטומער לייוונט געבן ?

וואָס זיינען זיי — די בעסטע רעזשיסאָרן,
באַרימטע שוישפּילער און בליצנדיקע סטאַרן,
די פיינסטע מוזיקער און די בעסטע שרייבער,
די געטלעכסטע און רייצנדיקסטע ווייבער ?
זיי זיינען אינעם פילם נאָר דער צייט-פּאַרטרייב
פון דעם טרויעריקן אומעט פון דער וועלט —
מיט גרימאַסן, פרעמד-פּנימדיק פאַרשטעלט;
שאָטנס אויף דעם לייוונט זילבערנעם פון קינאָ —
די גאַנצע ערד איז זייער בינע . . .

זיי זיינען פלאַכע שאָטנס צוגעקלעפּטע צו די ווענט,
מיט געבאָרגטע מאַשינאַווע שטימעס,
די ליפּן שאָקלען זיך, ס׳טאַנצן פיס און הענט —
באַרימטע סטאַרס און סתם באַרימערס,
וואָס צעלייגן זיך מיט „מייק אַפּ" און מיט גרימען,
כדי דאָס לעבן נאָכצוקרימען . . .

אַלץ מיר זעען אויף די לייוונטן פון קינאָ —
דאָרט לאָזט מענטש זיין שאָטן ניט אַנטרינען,
ער ליכטיקט דורך אים מיט געדאַנק און זינען:
דער יאָרהונדערט פון דעם שאָטנס פאַנטאָמימע!
עס האָט די וועלט מיט שאָטנס זיך פאַרשפּילט —
זעט איר אויף דעם לייוונט וואָס איר ווילט:
מען ווייזט דאָ אַלץ באַשיימפּערלעך און קלאָר —
די קאָמערע כאַפּט אויף די קלענסטע האָר.
אדרבא, קוקט אויף די עקראַנען:
פון אַלץ, פון אַלץ איז דאָרט פאַראַנען —
פון אַלץ איר קענט דאָרט זען און הערן:
אָט — אַ מעשהלע פאַר קינדער וועגן בערן;
ווי ס׳רייזט דער מענטש אין רוים צו ווייטע שטערן;
ווי אַ שיינהייט, און אַ צנועהלע, ווערט פאַרפירט,
אַזש אַ שטיין וואָלט עס גערירט . . .
און טאַקע — אָט: פון אַ שטיין די אינגעווייד;
אַ פאַרכאַפּנדיקע, טראַגישע צעשיידונג;
אַ ביסל פרייד, אַ ביסעלע געוויין;
ווי אַ הונט גריזשעט אָפּ אַ ביין . . .
און אַ ווינקל-וועלט, וואָס איז מלא חן;
איר קענט דאָרט זען אַ כישופדיקן וואַלד;
אַ סקעלעט — מיליאָנען יאָרן אַלט;
און אויף דער לבנה — אַ זילבערדיקן שפּאַלט . . .

יידן . . . פּרעה . . . גושן . . . פּיתום . . .
וואונדיירים, גאַלע פּלאים, ממש ניסים!
און אויבֿ איר זייט, חלילה, ניט קיין פּוילער,
און איר פּילט זיך נאָך ניט אַלט און מיד,
(כאָטש אייער אַלטיטשקע איז שוין אַ באָבע . . .)
כאַפּט אַריין זיך צו אַ מיס באַרדאָט, צי טיילאָר —
גלייבט מיר, ווי כ׳בין אַ ייד! —
אַ מיצווה אויסצוקושן זיי אַ יעדן גליד . . .
און קיין חרטה וועט איר אויך ניט האָבן.

איר זעט דאָרט אויך אומעט און געוויין,
ווען מענטש איז שטאַרקער פון אַ שטיין —
און ער שטייט אויף דער זייט פון בריק,
ווען אויף יענער זייט וואַלגערט זיך זיין גליק . . .
און אָט ווייזט דער קינאָ־אַפּאַראַט:
פאַרקערט גאָר — אַ מענטש אַ רייכן, אַ מאַגנאַט,
און אַרום אים דרייט זיך איינער, וואָס איז בלאַט,
און ביידע לעבן אין לוקסוסדיקע דירות —
איינער נאַשט פון צווייטן זיין עשירות . . .

און אָט — אַ ליידי, אַ פאַרפּוצטע אין ברילִיאַנטן,
(מיסתמא ניט פון אונדזערע באַקאַנטע . . .)

אַ געבילדעטע, — ווי מ׳שילדערט זיי, — אַ קלוגע,
נאָר פּלוצעם ווערט זי גאָר משוגע
און איר מאַן פאַרסמט זי . . .
דאָס טוט מען באַווייזן: אַז אויך גבירים
האָבן זייער קומער,
ווי אַלע מענטשן פילן זיי און שפּירן
און זייער וועג איז ניט אויסגעבעט מיט בלומען . . .
פון אַלץ, פון אַלע איז דאָ אויף די עקראַנען,
פון יעדן מין דאָרטן איז פאַראַנען:
אַ טראָפּן בלוט, אַ טראָפּן סם,
אַ טראָפּן גאַל, אַ שפּריץ פון פלאַם;
אַ טראָפּן שאַנד, אַ טראָפּן גליק,
אַ טראָפּן בענקשאַפט אין אַ בליק,
אַ קריג —
אַ זיג —
אַ שטריק — —

און די בילדער דאַרפן זיין אייער באַוויז,
אַז די צרות און די ליידן
טוען קיינעם ניט אויסמיידן:
ניט דעם יונגן, ניט דעם גרייז,

ניט דעם רייכן, ניט דעם אָרעמאַן,
אפילו ניט קיין פירשטן און קייסאָרים —
(אדרבא, קוקט אַריין אין זייערע חדרים),
אין אַ פּאַלאַץ — גרויס און פיין,
אין אַ שטיבעלע — אַ שפּאַן אויף שפּאַן,
אומעטום איז פרייד געמישט מיט פּיין.
און דער שאָטן אויפן זילבערנעם עקראַן
לערנט אייך דעם מוסר השכל:
כולו פרייד איז ניט פאַראַן,
נאָר פרייד — אַ טייל,
און אַ טייל לייד.
און דער באַשייד:
זיי דורכזיכטיק און פלאַך, ווי דער שאָטן,
אויב ניט צעריבן ווילסטו ווערן און צעטראָטן
אויף דער בידנער בינע פון דער ערד,
וואו דער שאָטן-שפּיל זיך מערט און מערט.

2. אין וואָר

פון בראשית-טאָג
האָט שוין מענטש דערפילט זיין קלאָג:
קין האָט ביים ערשטן טראָט
דערזען די עוולה פון זיין גאָט —
ווען ער האָט זיין פרוכט-קרבן געבראַכט,
האָט גאָט אַוועקגעדרייט זיך פון די זיסע פירות,
ווי ער וואָלט פון דער מי זיינער געלאַכט . . .
האָט דעם ערשטן פויער אויף דער ערד
פון האַרץ זיינעם, ווי אַ ווינט, פאַריאָגט די מורא,
געוואָרן איז ער, ווי אַ שוואָם, אָנגעזאַפּט מיט בייזן מוט,
און דערפילט האָט ער גלוסטונג עמעצן צו מאָרדן
און איינגעטונקט די הענט אין ברודער-בלוט —
(דער נענטסטער דאָן צו אים אויף גאָרער וועלט)
און מיט די הענט ס׳פּנים זיך פאַרשטעלט. — —

פון דעמאָלט איז צעגליט אַ בלוטיקער סיגנאַל:
האָט דיין ברודער רום און מאַכט —
לויער אויף זיין לעבן, אים באַפאַל,
ווי אַ גזלן אינעם חושך פון דער נאַכט.
און טריפן זאָל מיט בלוט דיין שווערד —
הערש אויף גאָרער וואונדערלעכער ערד !

און דיין רציחה אָנהאַלטן זאָל אייביק,
פיינד און פריינד מוזן אין דיין כוח גלייבן,
אַ סימן — ד ו קענסט בלוט פאַרגיסן,
און פיין מיט בלוט צוזאַמענמישן —
אַז פון קיין רגע רו די וועלט זאָל ניט געניסן;
באַרויבן איינער זאָל דעם צווייטן,
נאָך דעם — אין קבר אים באַגלייטן . . .
און בראשית — דאַן האָט גאָט באַשאַפן
אַ וועלט אַ שיינע ! נאָר די מענטשן־ברידער
פאַרטיילט אין האַרץ און אין שקלאַפן —
איינעם — הויך, און טויזנט — אין דער נידער,
אַז אויף דער ערד דער ברייטער, דער גראַמער,
מענטש מיט מענטש הויזן זאָלן ניט צוזאַמען.
אין פעלקער איינגעטיילט די וועלט, אין ראַסן,
און זיי באַפאַרבט מיט אַלערליי קאָלירן,
צעמישט לשונות זייערע, זיי איינגעטיילט אין קלאַסן,
ווי אַ שטאָט איז איינגעטיילט אין גאַסן.
נאָר וואָס זשע איז דער ציל פון דער פלאַנירונג ?
אַז די ערד פאַרבליבן איז עמק הבכא,
אַז איינער טוט דעם אַנדערן פאַרפירן,

אַז צוליב אַ ביסן ברויט טוט מענטש קראַפּירן,
און פון וועלט האָט זיך אָפּגעטאָן די ברכה,
אין לעבן הערשט די חוצפה פונעם רשע,
און אײנער אויפן צווייטן טראָגט פאַרדראָסן.

אַזוי פון ערשטן טאָג פונעם באַשאַף
מענטש צו מענטש געוואָרן איז אַ שקלאַף,
און אַזוי זיך ציט פון דור צו דור —
די שאַנדע ניט געמינערט אויף אַ האָר!
זיין סטודיע האָט גאָט דאָ אויפגעשטעלט —
אַ צעביסענע, צעריסענע, צעקריגטע וועלט,
און סטאַטיסטן אָן אַ שיעור באַשאַפן —
דערדריקער און דערדריקטע — פּריצים, שקלאַפן;
אין דעם מענטשן ברייט די קינאה
אין דעם מענטשן זידט די שינאה,
ער שטייט אַנטקעגן חבר נאָר להרוג,
ער שטייט אַנטקעגן שכן נאָר לאבד:
פאַרגין אים ניט די רייכקייט — אים דערוואַרג!
פאַרגין אים ניט זיין כבוד — אים באַרויב!

און דער שאָטן פונעם חלום,
פון געטלעכן געפּרייזטן שלום,

בלייבט אַ רעטעניש פון מאָרגן;
היינט ליגט וועלט אין קלעמעניש דערוואָרגן —
און דער רויבער פירט דעם רודער,
ער פאַרגיסט מיט רשעות אַלע וועגן,
און דער אַלטער גאָט קומט מער ניט פרעגן:
„וו איז דיין ברודער ?...״

אויב די וועלט זאָל דעם טייוול-שפּיל נאָך
ווייטער טרייבן,
און אין בלוט אירע יאָרן ציילן,
וועט זי זיך אַליין דערקוילן
און אין חורבות וועט זי ליגן בלייבן —
און ס׳וועט דער מענטש צוריק אַריינקריכן אין היילן
און וועט מיט חיה דאָרט זיין גורל טיילן — —

שפילצייג

א מעשהלע פאַר קינדער — אַ מוסר השכל פאַר גרויסע

אַ טאָפּ

געווען איז ער אַ מאָל אַ טאָפּ —
פייער-בראַנד,
אַ צעהיצטער קאָפּ,
מיט אַלע כלים זיך געקריגט,
געהודזשעט און געדולט:
בול-בול-בול . . .
היי, שמאַלציק-פּרעפּלדיקע פאַן,
טו זיך נאָר אַ רוק צוריק!
בול-בול-בול!
אויף אַלעמען געבולט,
געשטופּט פון פּליטע,
צוגעקוועטשט די אַנדערע צום ווינקל —
נאָר ער אַליין האָט אויבנאָן געפינקלט
און יחסנדיק געקאָכט, געזידט.
די באַלעבאָסטע נחת האָט פון אים געקליבן:
„אַ טאָפּ — אַ מאדים, שפּריצט מיט פייער,
ווי ער בולבלט עס און בריט!"
און זי האָט די הענט געריבן

מיט אַזוי פיל פאַרגעניגן:
„טפו-טפו-טפו, קיין עין-הרע!"
און דער טאָפּ געווען איז טריי איר —
זיין געזונט ניט געשאָנעוועט, געהיט;
מיט אַטעם פלאַמיקן געשפּיגן,
ווי אַ הייסער ווינט,
איז אויסגעבּרענט געוואָרן
און זיך אויסגעדינט . . .
היינט, נעבעך, שוין אָפּגעלעבט,
ליגט ער אין דרויסן בּיי דער וואַנט,
מיט אַן אויערל אַ צוגעקלעפּטס —
אַלט און קראַנק;
מיט אַ צעהאַקטן קאָפּ,
און ס'מויל — אָפן צו דעם ווינט, —
געוואָרן איז פון שיינעם טאָפּ
אַן אינוואַליד, אַ קאַליקע,
כאָטש וויקל אים אַרום, ווי אַ קינד,
מיט אַ שאַליקל . . .

אַ לעפל

און אַ לעפל איז געווען אַמאָל —
ניט פון גרויסן ייחוס,

ניט פון זילבער,
אפילו ניט פון שטאָל,
ניט ווייניקער, ניט מער —
מ׳האָט געזאָגט: פון בלעך איז
די כּלי — שמאָל און דין,
נאָר געווען איז עס לשון־הרע:
דער לעפל איז געווען פון צין . . .
אַ זקן לעפל, זאט אין יאָרן,
אָן אַ צורה, אָן אַ פאָרם, —
אַ מאָל — מענטשן מיט געקעכטס געקאָרמעט,
און אַ לעבן לאַנג זיך אָנגעהאָרעוועט.
האָט לעפל זיך צום טאָפּ פאַרקליבן,
אין ווינקל הויף,
ביידע — אַלט, פאַרשוואַרצט, צעריבן,
און בייביידן איין מחשבה: סוף . . .
די באַלעבאָסטע איז אַרויס צום טעפּל
און גענומען וואַרעם זיך צעשיידן,
אים נאָכגעזאָגט אַ שבח פון הייסן פּרעפּל,
און לעפל־טעפּל־ביידן
אַוועקגעשענקט מיט איר גוטן ווילן

פאַר די חברהניקעס ווייסע —
זיי זאָלן זיך מיט דעם שפּילן,
און דאָ ערשט הייבט זיך אָן די מעשה:
ניט פרעגט די שמחה פון די קינדער ?
אין זון, אין רעגן,
אין זומער און אין ווינטער,
פון סאַמע מאָרגן ביז גאָר שפּעט,
האָבן זיי געבּאַראַבּאַנעוועט
מיטן לעפל אויף דעם טאָפּ,
ווי זיי וואָלטן זיך געוועט:
צי ס׳וועט דער אַלטער טאָפּ
אויסהאַלטן דעם האָגל קלעפּ אויף זיין קאָפּ ?
נאָר דער טאָפּ — ניט ער קלאָגט,
ער טוט צו זיך אַזוי צו זאָגן:
וואָס געווען אַמאָל איז טרוים,
היינט בין איך אַ קאַלטער שאַרבן —
ניט צום לעבן, ניט צום שטאַרבן,
כ׳וועל שוין מער קיינמאָל ניט זידן,
וואָס געווען וועט שוין ניט זיין —
דעריבער מוז איך זיין צופרידן,

אַז קינדער צימבלען מיר אַריין . . .
און לעפל האָט אַזוי געטראַכט:
אַ מאָל בין איך געווען צום עסן,
איצט — אַ שפּיל פון מיר געמאַכט,
ווייל די צייט האָט מיך צעפּרעסן,
ווער וועט מיך אַצינד באַדאַרפן
צו זעטיקן און צו דערוואַרעמען?
און ער הייבט זיך אָן צו וואַרפן
מיט געפּויק און מיט געליאַרעם.
און ס׳איז אַוועק אַ שפּיל,
מיט געפּילדער, מיט געבּריל.
קליינוואַרג שטיפן, קליינוואַרג לאַכן,
ווער צו זיי קען היינט זיך גלייכן?
לעפל גייט פון האַנט צו האַנט:
מאַכט מען פול דעם טאָפּ מיט זאַמד,
שיט מען זאַמד צוריק אַרויס,
אַ לעפל יעדער — איינציקווייז;
גיסט מען וואַסער אין דעם טאָפּ,
ווערט פון דעם אַ יויך מיט רייז,
טוט יעדערער אַ שעפּ אַראָפּ

געקעכטס אַ לעפל פון געריכט . . .
אָט ווערט דער טאָפּ אַ בער — ער קריכט . . .
און אָט ווערט לעפל גאָר אַ סמיטשיק,
און טעפל ווערט אַ פידל . . .
פון סמיטשיק פלוצעם ווערט אַ רידל,
וואָס גראָבט זיך לייכט און גליטשיק . . .
און ווידער שוין איז לעפל — האַמער,
און ווידער שוין איז לעפל — זעג,
און טאָפּ צעוואַקסט זיך גרויס — אַ קאמער,
אין טאָפּ עס ליכטיקן די טעג . . .
טאָג איין, טאָג אויס —
קינדער פריידיקע, צופרידן;
טאָג איין, טאָג אויס —
פון די שפּילן קומען קינדער מידע . . .
און אַ גאַנצן טאָג איז שטיל אין הויז,
נאָר אויף די שויבן
קינדערשער געפּילדער טאַנצט,
און מאַמע זאָגט אין גוטן מוט:
„א, זיסע, קליינע רויבער . . .
גוט-גוט-גוט!"

און אין אירע אויגן פייכטקייט גלאַנצט . . .
און איצט אוודאי ווילט איר וויסן,
וואָס פון מיינע קינדער איז געוואָרן ?
אין פאַרלויף פון יאָרן
שוין פאַרגעסן יענעם טאָפּ, געוויס !
נאָר איך געדענק דעם וווּנדער
פון העט וויט-וויט . . .
און מיינע קינדער זיינען גרויסע מענטשן —
מיט אַזעלכע מעג זיך טאַטע-מאַמע בענטשן ! —
צו גאָט און צו לייט.
איך געדענק נאָך גוט
דעם לעפל און דעם טעפל
און קינדערישע קעפּלעך . . .
און טאַקע — וואָס איז פון טאָפּ געוואָרן ?
שוין לאַנג ער רוט צווישן זיינע אבות —
טעפּ און טעפּלעך.
און איך גלייב, אַן קאַטאָוועס,
אַז מען קאָכט אין אים,
אין גן-עדן פאַר די צדיקים —
קרעפּלעך . . .

מיינע אייניקלעך

ניט קיין לעפּל, ניט קיין טעפּ!
זיצן מענטשן, גרויסע קעפּ —
טוען טראַכטן, פּלאַנעווען,
מיט חכמה פּיל . . .
אפילו שפּילצייג מוז האָבן אַ ציל:
מאַשינען, שיפן, עראָפּלאַנען,
זיי מוזן זיין גאָר קלוג —
כמעט אמתע, קליינע מיניאַטורן,
כאָטש געמאַכט פון בלעכלעך און טאקטורן,
מוז חזיר האָבן אַ פּעטע שנוק,
און פּערד מוז זיין אַ פּערד,
און מענטש — כאָטש פון ליים און ערד
און אָנגעדרייט מיט דער האַנט,
מוז זיין ניט קיין בלינדער קעגנשטאַנד,
נאָר מיט מאַנירן און מיט זיטן . . .
און גרויסע קעפּ מיט אידעען שיטן,
ווי צו מאַכן שפּילצייג בעסער,
ווי די ביזנעס מאַכן גרעסער;
און ווי אַריינצוקריגן מערער קונים
שטעלט מען אָנעט מענטשן — גאונים.
און די קינדער צו באַגליקן

עפּנט מען אויף פּיל פאַבריקן —
יעדע צאַצקע אויסגעוויגן,
ווײַל אויב ניט — קען עס ניט טויגן . . .
און די מענטשן, די דערפינדער —
זיי ראַטעווען ממש די קינדער;
יעדערער פון זיי באַזונדער
שאַפט אַ שפּילצייג — גאַר אַ וווּנדער:
זאָלן צאַצקעס זיך באַמיען
קליינע קינדער צו דערציען —
זיי זאָלן וואַקסן גוטע מענטשן
און זיין פאַר גאָט און לייט אַ בענטשונג.
טײַלט מען אויס אין הויז אַ קאַמער,
און טאַטע ברענט דאָרט זעג און האַמער —
שפּילצייג שאַרפן זאָל דעם מוח . . .
נײַע צײַטן — וואָס איז שייך?
וואַקסן קינדער — ניט בטלנים,
שפּילצייג מאַכט זיי פאַר למדנים:
מאַמע קויפט אויף צאַצקעס — גליקן!
טאַטע ברענגט סאַמע אַנטיקן!
איז אָבער קאַמער פּוסט און ליידיק —
מען זעט קיין קינדער ניט דערין,

דאָס שפּילצייג — טייערע און ריידיק —
אָנגעשלײדערט אָן אַ זין.
ליגן שפּילצייג דאָרט אין קאַמער,
אָן אַ פוס און אָן אַ קאָפּ.
אַ ליאַלקע ליגט, אוי, וויי, צעשטאָכן,
פערדלעך — מיטן קאָפּ אַראָפּ,
אַ קייסער — הענט און פיס צעבראָכן . .
זיי וואַלגערן זיך אומעטום —
אַ קינד קוקט זיך אויף זיי ניט אום . . .
איז ווילט איר אַצינד וויסן,
וואָס פון מיינע אייניקלעך וועט ווערן?
איך קען עס איצט ניט זאָגן אויף געוויס,
נאָר אַז איך בליק אַמאָל אַריין
אין „פלייאינג רום", איך לערן,
גייט אויף פאַר מיר די שיין
פון אַלטער טאָפּ-לעפל-צייט
און איך טו ווינטשן:
אָ, קינדערלעך, זייט נאָר, זייט
מענטשן!
ניט ערגער פון די קינדער מיינע —
אייערע טאַטע-מאַמע!

א

חתונה

אַ חתונה

ערשטער טייל

א.

די שול פון דרויסן

שטייט אַ שול אין דרויסן
אויף אַ שיינעם פּלאַץ,
אַ שול — אַ ליכטיקע, אַ גרויסע,
אינמיטן פון צעיאָגטער גאַס.

זי איז פריש און אויסגעפּוצט,
מיט אותיות גילדענע באַצירט —
עס שיינט די זון מחוץ,
מיט מעש באַשלאָגן איז די טיר;

און די פענצטער אויסגעפאַרבט —
הויכע און סאָליד,
טרעפט עס אַז די שול פאַרנאַרט
אַ מאָל פון גאַס אַ ייד . . .

שפּילט זי אין רעגנבוים-פאַרבן
פון דער זונס שטראַלן,
ווי אויף גאָלדענע גאַרבן
וואָלטן פונקען פאַלן.

און ס׳ווינקט קופּאַל אַראָפּ
פון די העכסטע הייכן,
אויף זיין קיילעכדיקן קאָפּ
אַ זעקס־קאַנטיקער צייכן;

אַ שטאָלצער און מיט כּבֿוד
טראָגט ער דעם סימבאָל —
עס איז אַ מגן דוד,
אַ געהאַמערטער אין שטאָל.

ב.

פענצטער

פענצטער אין דער שול
אַלערליי פאַראַנען:
מאַנכע גאָר־גאָר שמאָל,
מאַנכע־גאָר־גאָר לאַנגע;

מאַנכע־גאָר־גאָר הויכע,
קיילעכדיק און ברייטע —
און ווילסטו זיי דערגרייכן,
מוזט עס מיט אַ לייטער.

שייבלעך קליינע גלאַנצן —
מיטעלע און לאַנגע,
שטראַלן אין זיי טאַנצן,
ווי סנאָפּעס רייפע זאַנגען.

זיי זיינען אויסגעצאַצקעט,
מיט דריידעלעך געקווייטלט,
מיט חיות און מיט מאַסקעס
מיט באַקסערן און טייטלען.

געזילבערט און געגילדיקט,
מיט קאָלירן רייך,
זוניקע און שפּיליק —
קאָלירן אויף אַ טייך,

ווען די זון מיט גלימער
שפּיגלט זיך אין אים;
אָט — די פענצטער גרינע,
און אָט-גאָר בלוי, קארמין,

און וווּנדער-שייבלעך מיניען
זאַפּטיק-רויט, ווי ווייַן,
באַזעצטע און באַרינגלט
מיט פיל קאָלירן שייַן.

און אַ פלעמל צינגלט
צווישן ווייס און בלוי;
בלוי און ווייס — בייַנאַנד,
אין מיטן שויב געקאָוועט
האָט אַ מייסטערס האַנט
דעם פייַנסטן מגן דוד.

ג.

ליכט

שוין פון דער ווייטן
שיינען די שויבן,
פון אַלע פיר זייטן,
ווי זוניקע טויבן.
געפלאַטערט פון ליכטער,
דער יום-טוב צעבלינקלט
פרייד אויף געזיכטער.
אין דרויסן עס ווינקען
גלאַנציקע אויטאָס,
אַ ליכט-שטראָם פאַרשפרינקלט
די נאַכט, די צעבלויטע.
רינט גאָלד דורך די שויבן,
ווי ס'וואָלטן פינקלען בריליאַנטן —
גרויסע ווי טרויבן —
אויף שוואַרצע געוואַנטן.
דאָס ליכט לאָקט און רופט
די געסט צו דער חופּה.
און פאַרשמעקט האָט די לופט
מיט אַראָמאַטן, מיט דופטן;
צאַרטע פאַרפיומען,

און מענטשן — פֿאַרפּוצטע,
ווי בינען, זיי זשומען,
און אויגן — עס גלוסטן;
זיי קומען, זיי קומען —
דאַמען און הערן —
דעקאָלטירטע און דינע,
און פעטע — ווי בערן . . .

ד.

אין גאַס

מענטשן געבויגן
פון די באַלקאָנען —
מיט נייגער אין אויגן,
דערוואַרטונג — אויף פנים.

און מענטשן אויף גאַסן
שטעלן זיך אָפּ,
און יעדער געלאַסן —
פאַררייסט ער דעם קאָפּ.

אַהין, צו דער חופּה!
עס וואַקסן די גרופּעס.
אין גאַס איז אַ טומל —
אויטאָס — נאָך קומען

מיט מענטשן פּאַרפּוצטע,
מיט האָק און מיט קנאַק,
מיט אויגן צעהיצטע,
און פּאַרבּ — אין דער באַק.

באַלעבאַטישע אידן,
מיט ווייבער און קינדער,
שטראָמען — צופרידן,
און יידן — באַזונדער.

פּאַרעלעך גייען,
ווערט ענג אין דער שול —
רייען נאָך רייען,
פון ברעג ביז ברעג פול.
און האַרט ביי דער שול,
מויערן הויכע
קוקן זיך צו,
ווי עדות, ווי שטומע:

אויך זיי זיינען זוכה
צו קענען פאַרנעמען
דעם ליבשאַפט-געפּליסטער
פון „הרי את״,
און ווערטער די זיסטע,
פריידיק און גלאַט.

ה.

אין שול

לאָמפּן — אַ בויגן,
צעפינקלטע ליכטער,
פרייד אין די אויגן,
צעשיינטע געזיכטער.
געסט אויפגערוימטע —
ווער קען זיי גאָר ציילן?
און אָט קומט צעאיילן
אַ לעצטער, פאַרזוימטער.
פאַרנומען די פּלעצער,
די אויגן זיך גריסן.
און שמייכל, דער זיסער,
ווערט ברייטער, ווערט גרעסער,
אין ריי שטייען אַלע
און וואַרטן מיט נייגער.

ו.

די חופּה

די חופּה איז גרייט שוין,
זי רוט אויף פיר שטאַנגען,
דער אָרגאַן ברומט אונטער
געמיטלעכע קלאַנגען.

פריילעך און מונטער
פיר בחורים קומען —
פיר הענט אויף די שטאַנגען,
מיט געזיכטער צעבליטע —

אין צילינדערס וואָס גלאַנצן —
די חופּה זיי היטן.
מען שמייכלט זיך איבער
פון ווינקל צו ווינקל,

און פינגער אין פיבער,
און אויגן — אַ בלינקל;
אין האַרצן אַ ווונטש:
זאָל קומען שוין שנעלער

די שעה — אויך פאַר אונדז!
און חופּה — אַ העלע,
איבער אונדזערע קעפּ,
זאָל זיך צעשפּרייטן,

חלומות מען וועבט,
ביי חופּה, דער גרייטער:
די חופּה — אַ הימל,
דאָס לעבן איז הייטער . . .

ז.

חתן קומט

און אַט הערט מען רופן:
„דער חתן, ער קומט!“
זיין האַרץ הויבט אָן צופן,
אין אויערן זשומט.

דער חתן אין מיטן,
מחותנים ביי די זייטן,
דעם חתן זיי היטן —
ווי עס פירט זיך ביי לייטן.

לאַנגזאַם זיי שפּאַנען,
צילינדערס די דריי,
צילינדערס, ווי קרוינען,
גריסן זיך טריי.

באַזעצן זיך לאַנגזאַם
אין „באָקס“, ביי דער בימה,
שמייכלען, ווי באַלזאַם,
סתם, אָן אַ זינען.

דער זאַל זשומט מיט קלאַנגען,
די דריי אָבער זיצן
פאַרטאָן אין געדאַנקען
(זאָל גאָט זיי באַשיצן) . . .

טראַכט דער חתן:

היינט איז מיין טאָג !
מיין גליקלעכע שעה !
ס׳וועט באַלד מיין פאַרמאָג
שטיין אָט-אָ-דאָ !

כ׳וואָלט מוחל געווען
דעם הארמידער אַרום,
געוואָלט נאָר, כ׳וואָלט זען
מיין גליק אומעטום.

חתנס טאַטע טראַכט:
אַ זון כ׳האָב אויפגעבראַכט
דורך האַרטע שווערע יאָרן,
זינט טאָג פון זיין געבוירן,

געווען איז ער מיין וועלט —
באַשאָטן אים מיט געלט . . .
נאָר איצט, ער גייט זיין אייגן וועג —
זאָל זיין מיט מזל אָן אַ ברעג !

דער צווייטער טאַטע
טראַכט צופרידן:
כ׳דאַנק דיר, ליבער גאָט,
וואָס דער גורל ט׳מיך געבראַכט

מחותנים, וואוילע יידן;
און דער חתן — שיין, אַ פּראַכט,
פּאַר מיין טאָכטער, ס׳איינציק קינד.
כ׳בעט דיר, גאָטעניו, אַ צינד,

פּאַרשוין איר, ליבער גאָט, פּאַרשוין,
מיט דיין מזל איר באַקרוין!
זאָל דאָס נייע, יונגע פּאָר
זיין אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר!

דער אָרגאַן ברומט אונטער
מיט טענער, מיט פרומע,
ערנסטע, מונטער —
כלי-קודש שוין קומען:

דער רב מיטן חזן,
דער שמש פּאָראויס,
אין מיטן — דער חתן,
און עולם — ווי גרויס!

די שטימונג געהויבן,
לאָמפּן — צעבליצטע,
צעבלינקטע — די שויבן,
און פרייד — אַ צעהיצטע.

די כלה דערוואַרט מען,
די כלה זען — גאַרט מען . . .

ח.

די כלה קומט

דער עולם — עס וואַרט שוין,
מע שטייט אַזוי לאַנג.
„די כלה זי גייט שוין!"
כאָר ציט אַ געזאַנג.

אַרום טוט זיך פילן
אַ פריידיקע רו,
ראָמאַנטיש און שטיל,
דער אָרגאַן שפּילט צו.

עס איילן די לעצטע —
גרופּע נאָך גרופּע —
עס ציען זיך רייען
צו בלענדיקער חופּה.

אָט קומט אָן די כלה —
ווייס און פאַרשלייערט —
זי פילט אין איר צילן
הונדערטער אויגן . . .

אָט הערט מען שאַרשען
איר זיידענעם שלייער.
מיט פריילעכע טענער
דער כאָר זינגט איר לויבן.

די כלה, די שיינע,
באַהאַלט אירע אויגן,
נאָר פון אונטער די ברעמען
זי כאַפּט אַזאַ בליק,

און ס׳טוט זי פאַרקלעמען
איר אייגענער גליק . . .
איר שלעפע, די לאַנגע,
אַ ליכטיקע כוואַליע,

און ס׳ברויזן געזאַנגען
אין האַרץ — ביי דער כלה.
אַ שמייכל — אַ בלימל —
פון ליפּן אַ פאַל טוט,
איבער קאָפּ, ווי דער הימל,
די חופּה אַ כוואַל טוט.

מיט טריטעלעך קליינע,
געוויגן, געמאָסטן —
די כלה, די שיינע,
זי שטייט שוין ביים חתן.

דער רב זאָגט די ברכות,
שפּאַנונג ווערט גרעסער,
וואַקסן פון נחת
ביי מחותנים — די הערצער.

זינגט חזן זיין שטימע —
אַ סטרונע פון פידל,
די תפילה — אַ דינע,
אַ יום-טובדיק לידל.

עס ציען זיך טענער,
אַזוי זיס און פריילעך —
די כלה ווערט שענער,
דער חתן — אַ מלך.

קול ששון, קול שמחה!
קול חתן, קול כלה!
עס קלינגט אויף דער כאָר,
און אַלע אין זאַל דאָ —
באַגייסטערט, מיט שפּאַנונג —
ענטפערן אמן!

דער אָרגאַן צעזשומט זיך,
שרייט איבער דעם עולם,
דער אָרגאַן צעהילכט זיך
אויף העכערע קולות:

אַלץ וואָס מען זאָגט דאָ,
אַלץ וואָס מען זינגט דאָ,
איז אמת, איז ריכטיק,
איז הייליק און ליכטיק!

ט.

געסט טראַכטן

אַ טאַטע:

שטייט אַ איד לעבן ווייב,
הערט זיך צו פאַרגאַפט.
ער פילט אַ ציטער אין זיין לייב —
פון מוזיק פאַרכאַפט;

פלוצלינג צאַפּלט אויף אין אים
אַ תפילה אַזאַ ריינע,
אין האַרץ גייט אויף זיין שטים
מיט וויינען — צו גאָט:

אַך, גאָטעניו,
ווי דערלעבט מען שוין,
אַז דיין גנאָד
זאָל נידערן אויף מיין קרוין —

מיין טעכטערל, מיין קינד;
זעסט דאָך, יאָר נאָך יאָר
גייט — ווי איז מיר און ווינד! —
זי וועט, חלילה, פאַרזעסן גאָר . . .

א מאַמע:

זיין ווייב ביי דער זייט,
אַ יידענע, אַ שטילע,
מורמלט שטיל אַ תפילה:
גאָטעניו, שוין צייט, שוין צייט!

מיין קינד זאָל ווערן אויפגעריכט
און קענען ווייזן איר געזיכט,
פאַר נאָענטע און גוטע פריינד —
אויף צו להכעיס אַלע פיינט.

טאַטע כאַפּט זייטיק אַ בליק,
פאַרשטייט דעם באַטייט:
זיין ווייב זיך שטיקט
מיטן זעלבן געדאַנק . . .

איר האַרץ איז איר באַנג,
זי טראַכט: הלוואי שוין דערלעבן
צו דער חופּה זי פירן!
מיין טאָכטער, דערנעבן,
זאָל מיין לעבן באַצירן!

טאָכטער:

מיט אַ שמייכל אַ געמאַכט —
ווי זי וואָלט פאַרשטיין,

וואָס איר מאַמע טראַכט —
פּאַלט איר פּלוצעם איין:

נאַרישע, איר טאַטע־מאַמע,
מאַכן זיך ס׳לעבן ביטער.
צי מוז מען דען חתונה האָבן?
ביי טאַטע־מאַמען

מעג ער זיין כאָטש אַ געגטער . . .
מעג ער פון די ערגסטע שטאַמען,
צו ערשטער ווייב זיין אַ פאַררעטער —
און מיין לעבן איז באַגראָבן . . .

און ס׳האָבן טאָכטער־טאַטע־מאַמע
אין מחשבה זיך געטראָפן —
און ביי אַלע דריי צוזאַמען
ניט פאַרשוואונדן איז דאָס האָפן . . .

און אַזוי שוין היפשע יאָרן —
יאָרן פון אַ שוואַכן גלויבן,
יאָרן ייאושדיק צעשטויבטע,
האָבן זיך גענומען פאָרן;

ייאוש האָט גענומען פרעסן:
חלילה, זי זאָל ניט פאַרזעסן! . . .
האָבן האָר גענומען גרויען,
ווי פרימאַרגנדיקע טויען.

און ניט זעלטן אַ פאַרשעמטע,
וויינט זי ביטער אַ פאַרקלעמטע.
און די שטוב איר ווערט אַ פאַסטקע!
און אויסער שטוב — טראָגט זי אַ מאַסקע!

סתם אידן:

סתם אַ ייד מיט גרויס כוונה
הערט זיך צו צו דער נגינה,
און איז איצט גאָר טיף פאַרטאָן,
צי איז ניט פאַלש דעם חזנס טאָן?

שטייט און קוקט ער אַ פאַרקלערטער,
זוכט דעם מיין פון חזנס ווערטער;
מיט אַ פינגער קלאַפּט ער אויס
דעם ניגון — וועלכער אים באַרוישט.

נאָך איינער — אַ טויבער,
האַלט אונטער אַן אויער,
וויל כאַפּן די קלאַנגען —
טויבן אויף שטאַנגען . . .

ער לויערט, ער לויערט
צו פאַנגען דעם קול,
די טענער פון חזן,
אַזוי פיל, אָן צאָל.

ער גלאָצט אויפֿן עולם,
אין הימלען פֿאַרפֿלויגן,
קוקט, ווי אַ גולם,
און הערט מיט די אויגן . . .

אַ דריטער — אַ קצב,
טראַכט זיך מיט ביטול:
דער חזן, וואָס ראַצט ער ?
וואָס דרייט ער אַ היטל ?

און זעט שוין בחוש
די וויסקי אין פֿלעשל,
און גאַרט נאָכן קוש
פֿון ליפּן — צום גלעזל . . .

ער ברומט אויפֿן חזן:
„הער אויף שוין צו קרייען !״
ווי דערלעבט מען פֿון דאַנען
זיך אַרויסדרייען ? . . .

אַ בחור און מיידל
שטייען צוזאַמען —
ביידע פֿאַרליבטע —
און טוליען זיך איידל;

זיי דריקן די הענט זיך,
ער פליסטערט אַ סוד:
הלוואי שוין אויף זיך
ביי אונדז — אַזאַ טאָג!

אַ יונגע פּאָר פאַלק,
ער — צו איר מיטן פּלייצע . . .
וואָלט אים חתן געפּאָלגט
און הערן זיין עצה,

וואָלט ער אים געזאָגט:
אַ גדולה אויף דיר! . . .
ס'וועט קומען אַ טאָג
און ס'גליק וועט צערינען,

ווי דער שוימיקער ביר,
וואָס פאַרשיכורט דיין זינען.
דער מאָרגן — אוי ביטער:
אין שטוב — אַ געוויטער,
פון גליק —
וועט ווערן אַ שטריק . . .

זיין ווייב זעט איר חופּה:
אַ פרייד איז געווען! . . .
אַ ליכטיקע צוקונפט
זי האָט דאַן געזען.

אַ חתן, אַ בראַנד!
ניטאָ גאָר קיין בעסערס,
היינט ברענט איר די שאַנד
פון זויפער, פון פרעסער . . .

אַ מאַן נאָכן גט —
ער שמייכלט צו זיך:
ס'איז היינט אַלץ פאַרגלעט,
מ'האָט חתונה גיך.

ס'איז אַ געוועלבל —
אָט האַנדלסט זיך איין
אַ מציאה — אַ קעלבל,
עס דוכט זיך: גאָר פיין!

און נאָך אַ פּאָר יאָר
פון גליק דעם געגאַרטן,
דערזעסטו די צרה:
ס'האָט לעבן גענאַרט דיך.

דערביי דאָס פאָר פאַלק —
ביי זיי איז אַ לעבן
פיל צרות און פּלאָג.
וואָס קען איינער געבן

אַן ליבּע, אַן גליק?
און ס׳וועקט פונעם לעבן
אויף האַלדז — אַזאַ שטריק . . .

י.

מזל טוב!

אין מיטן פון טראַכטן
אַ טראסק אויפן דיל,
מיט שמחה, מיט לאַכן,
דער עולם שרייט ווילד:

מזל טוב! מזל טוב!
דאָס גלאָז איז צעבראָכן . . .
שמייכלט דער רב,
שמייכלט דער חתן:
שוין נאָך דער חופּה!
מיט מזל און ברכה!
און אַלע זיך שטופּן
צום חתן, צו כּלה,
אויך צום מחותן —
מיט ווערטער, מיט ווילע,
מיט ווערטער, מיט גוטע.

דער אָרגל גיסט קלאַנגען,
מיט סדר, מיט טאַלק,
עס קלינגען געזאַנגען,
פאַר דעם יונגען פאָר־פאָלק.

פרייען זיך מענטשן
אין ליבע, אין פרידן.
טוען זיך בענטשן —
אַלץ זעט אויס צופרידן.

עס פרייען זיך ווענט,
די לאָמפּן אויף גאַסן;
עס שטרעקן זיך הענט,
מ׳קושט זיך געלאסן . . .

נעמט עולם זיך איילן,
זיך גיכער, פאַרוויילן!
און ס׳ציט זיך אַ שטראַל
צום חתונה זאַל.

צווייטער טייל

NORMA LEWIS

י״א.

אין זאַל

גרויסער און גערוימער זאַל
מיט פריידיקייט האָט זיך פאַרפּוצט,
פון סטעליע — אַ ליכטיקער קוואַל —
אַ פלייץ האָט געטאָן, ווי אַ גוס:

גאָלדיקער שימער,
בריליאַנטענע פונקען,
דימאַנטענער גלימער,
אין זילבער פאַרטרונקען.

די ליכטער, זיי ווינקען,
זיי רופן, זיי פינקלען,
ווי שטערנדלעך שפּרינגען,
זיי טאַנצן, זיי זינגען.

זיי לאַדן די געסט
צום חתונה-באַל:
דאָ טרינקט מען, מען עסט —
פאַר אייך איז דער זאַל!

פּאַפּירענע קווייטן,
קונציק געפלאָכטן,
גלייכע, געדרייטע,
אין פּירן, אין אַכטן;

כוואַליעס פון פאַרבן,
צאַרטע זיגזאַגן
אין שניטן, אין קאַרבן;
אַ ליכטיקער רעגן

פלייצט אינעם זאַל —
פאַלט זוניקער בליט,
פאַלט זוניקער שטראַל
אויף וואַנט און סופיט.

י״ב

טישן

טישן צעשטעלטע,
מכל טוב — פאַרגרייטע.
אין ווייסקייט צעהעלטע,
באַדעקטע מיט קווייטן —

אויף טישטעכער שיינען
די טאַרטן, די זיסע,
די גליאיקע ווײַנען,
מיט מאַנדלען און ניסלעך.

און צוקערלעך שיינע:
געשליפענע גלעזער —
גרויסע און קליינע,
גאָפּל און מעסער.

סערוועטן און רינגען —
ליגן אין מיטן,
און טעלער וואָס בלינקען,
ווײַס און געמיטלעך.

ביים וואַנט אויבן אָן —
טישן צוזאַמען,
אין מיטן — אַ טראָן,
פֿאַר טאַטן, פֿאַר מאַמען,

פֿאַר חתן, פֿאַר כלה —
אַ מלכותדיק טיש:
קוילעטשן, חלה,
פֿליישן און פֿיש.

און געטראַנקען, די בעסטע:
קאַוויאַר און שאַמפּיין,
אַ טאָרט דאָ — דער גרעסטער —
דעם טיש ער פאַרשיינט.

י״ג

טישן אין קריג

און טיש, דער מיוחס,
אַט דוכט זיך,
ער זאָגט:
אדרבה, פאַרזוכט עס,
וואָס איך נאָך פאַרמאָג!
פון גאווה פאַרפולטער,
דער טיש ווערט צעדרייט —
ווי אַ מענטש אַ צעדולטער,
שיט ער מיט רייד:
„אָ, טישלעך, איר קליינע,
פאַרוואָס אייער בליק
איז פול היינט מיט שנאה?
איר שנעקעס, געמיינע,
איר טוט ניט פאַרגינען

מיין קעניגלעך גליק.
איך ווייס — איר באַגערט
מיט מיר זיך פאַרגלייכן,
ווי איך — זיין געערט
פון מחותן, דעם רייכן;
איר׳ט זיך ניט דערהויבן
צו מיינע טיש — הייכן,
באַגלייטע מיט דרויבן —
איר קענט מיר ניט גרייכן! . . .
פון אייך בין איך גרעסער,
ליכטיקער, שענער,
און טאַקע אויך בעסער,
געמיטלעך, באַקוועמער.
ביי מיר זיצט דער חתן,
ביי מיר זיצט די כלה,
(ווערט איז אַ גראַשן
גאָר אייער דלות . . .)
זעט, מחותנים
זיצן ביי מיר,
און איר, מיינע שונאים,
פאַרשטופט ביי דער טיר —
באַזעצט מיט המון,
געדיכט, זייט ביי זייט;

און איך — זעט, ווי שײן,
צו גאָט און צו לײט!
טאָ װײסט אײער לאַגע
און נעמט עס פֿאַר ליב —
צו װאָס זיך באַקלאָגן?
פֿאַרװאָס זײַן באַטריבט?
צי קענט איר באַשטרײטן
דעם אמת אַלײן:
אײער אָנזען בײַ לײטן
איז נישטיק און קלײן!"

מיטאַמאָל אַ געשרײ טוט
אַ טישל אַ קלײנער,
מיט חוצפּה און מוט:
„געזען שױן אַזױנער?
קוקט זשע נאָר אָן אים,
דעם פּוסטן בעל־גאווה,
צעשײַנט איז זײַן פּנים,
װי שמינקע בײַ װײַבער . . .
פּרווו, נעם אַראָפּ
פֿון זיך דאָס באַדעקעכטס —
װי אָן קרױן פֿונעם קאָפּ —
די פּלאַדנס, די לעקעך,

דעם טאָרט, ווי אַ טורעם —
דאַן בלייבט פון דיר ברעטער,
נאַקעט און אָרעם . . .
פון אויבן — פאַרגלעטע,
און אונטן שוין פוילע,
אַ שאַד, וואָס ביז היינט,
ניט פאַרברענט ביסט אין קוילן!
דעם אָוונט נאָר שיינסט,
נאָר פיס דיינע — שוואַכע,
זיך בויגן פאַר שרעק,
אַליין שטייסט געבויגן,
נאָר דער טישטעך פאַרדעקט
דיין חרפּה פון אויגן . . .
ביסט אַ באַרימער,
אַ כבוד — בעל-תאווה,
ברענסט מיטן פיבער
פון אַ בעל-גאווה;
אָבער מיר, ברידער-טישן,
האַלטן זיך צוזאַמען,
ווייל מיר נאָך געניסן
פון ביימערשע שטאַמען —
די זעלבע מיר זיינען,

די זעלבע געהילצן,
מיט שטילקייט מיר שיינען,
מיר טוען ניט גרילצן,
ווי דו — אַלטער טיפּש —
באַפּוצט און באַשיינט,
נאָר קוים וואָס דו זשיפּעסט,
מיט מחותנים זיך פיינסט
און טוסט פון זיי ליאַר׳מען —
וואָס איז דען דער מער?
זאָל גאָט זיך דערבאַר׳מען . .
מענטשן — זיי אַלע,
ניט זעלטע באַנאַלע,
דער ייחוס מיט זיי:
זיי זיצן אין ריי
מיט חתן, מיט כלה;
ווי דו — אַזוי זיי,
פון זיך טוען טראַכטן:
ס׳הויבט זיי אָן דאַכטן,
זיי זיינען דערהויבן,
געשעצט און געערט,
נאָר עולם הערט אויס
די שבחים, די לויבן,
און לאַכט זיך גאָר אויס . . .

און גייט מען אַרויס
נאָך דער צערעמאָניע,
צעשפּילט זיך אויף ליפּן
גאליק איראָניע,
נאָר שמייכלען — פאַלש דריפּן,
ווי חלבנע ליכטער,
מזל-טובס פליען —
און גאַנצן ניט ניכטער;
אויף צונג נאָך עס בריען
די שאַרפע געטראַנקען,
מחותנים, צעשמעלצטע
דאַנקען און דאַנקען,
און אַלע פאַרשטעלטע . . .
און אַז עולם איז פאַרטיק
מיט ריידעלעך זיסע,
גרייט מען זיך גרויסאַרטיק
צענעמען די טישן;
און אַז שטילער וועט ווערן
דער קלאַנג פונעם זינגען,
וועסטו דאַן דערהערן:
אויף דיר שטשורעס שפּרינגען . . .״

ס׳האָט טישל געענדיקט
און טישעלעך טראַכטן:
ס׳איז דאָך פאַרשטענדיק,
דאָס קלוגע, באַדאַכטע.
און ס׳ווערט אַ גערודער,
עס רוקן זיך שטולן —
עס שפּארן צו סעודה
די געסט פון דער שול.

י״ד.

געסט

געסט פרייען זיך,
געסט דרייען זיך,
געסט ביי די ווענט,
געסט ביי די טישן,
עס פאָכן די הענט,
געסט שטייען,
געסט זיצן,
געסט טרינקען,
געסט שוויצן,
געסט ווינקען,

געסט טרינקען —
און אַלע צופרידן —
ווייל ניכטער זיינען יידן . . .
נאָר שיכור זיינען אויגן,
די מיילער טומלען,
ניט געשטויגן,
ניט געפלויגן.

אין זאַל עס זשומט,
ווי אַ מחנה בינען,
דאָ טוט מען זיך פאַרגינען
אָנשטאָפּן אַ בויך
מיט אינדיק, פליישן, כריין,
פיש און הינער־יויך,
און אַ פעטן ביין,
אַזש אַ רויך זאָל גיין . . .
סיידן — אַן אומגליק און אַ בראָך —
(דאָס געפעלט האָט נאָך . . .)
אין דער זעלבער רגע
האָט מען אין דער היים
געלאָזט די פאַלשע ציין —
און אויס איז מיטן תוך . . .

ט״ו.

קלעזמאַרים

אויף אַ בימה,
האַרט ביים הויפּט-טיש
(דעם באַרימער),
שפּילן מענער;
אַ געמיש —
אינסטרומענטן, טענער —
הער און זע נאָר:
איינער —
ביי אַ פּיאַנאָ,
אַ צווייטער —
מיט אַ קלאַרנעט
אויף די ליפּן.
אויך אַ טראָמבאָן
איז פאַראַן דאָ
מיט צוויי פּויקן —
גאָר אנטיקן,
און אַ מאַן
מיט אַ פּייפל
אין דער צונג;
קלעזמערישע הייפל

וואַרט,
די פּיאַנאָ צאַרט
טוט אַ קלונג —
זי גיט דעם טאָן,
קלעזמאָריזם הייבן אָן:
צום טאַקט פון דעם ניגון
די מוזיק טוט פאַרוויגן,
אָבער עולם איצט גאַרט,
די מחותנים דערוואַרט.

דער קלאַרנעט,
פאַרריסן צום סופיט,
דין און נעט
שפּילט אויס אַ ליריש ליד.
נאָר אָט ער טוט
אַ יאָמער,
ווי געוויין —
אַזוי האַרציק — שיין —
אַ ליד צו גאָט אַליין.

די פּייפל —
פריילעך און זאָרגלאָז,
דרייט זיך — אַ רייפל
פון פייגלשע טענער —

זוניק און ראָז;
נאָר אָט ווערט דאָס פּייפן
שטילער, פאַרבּענקטער,
ווי פון נאַכט פון דער בּלויער,
וויינט ער,
דער פייגלשער טרוימער.

דער טראָמבּאָן צעבּרומט זיך,
די טענער צעציטערט,
די לופט, זי צעזשומט זיך,
ווי אַ געוויטער.
און ס׳גיט זיך אַ טראַג,
ווי בּלעטער אין שטורעם,
און טוט אַזאַ קלאַג,
ווי ס׳פאַלט איין אַ טורעם . . .

צוויי פּויקן גלאַנציקע —
אַ גרויסע און אַ קליינע:
אַ מיידעלע — אַ טאַנצנדיקע,
און אַ סאָלידע זקנה.
איז בּאָבּע — פּויק — צעגוידערט,
טוט בּיי יעדן ריר אַ קראַך,
ווי ס׳וואָלט אַ דונער
זיך געקייקלט אויפן דאַך.

קליינע פייקל — אַ פאַרשייטע,
טוט אַ זשום־זשום און אַ לאַך;
אויפגעלייגט, אויפגעהייטערט
טוט פון פייקל זיך אַ שיט
מיט אַרבעסלעך, מיט קליינע —
גאלדיק — קלאַנגיק צוויט.
טוט זיך אַ כאַפּ די זקנה,
פאַלט אַ דונער אין זאַל,
כאַפּן אונטער טאצן
דער זקנהס געוואַלד,
אַז זאַל הייבט אָן שפּרינגען —
די טישן, די ווענט,
ס׳הייבט שמחה אָן צו קלינגען,
דער טאַנץ ווערט צעברענט.
מוזיק אין די גלידער
האָט אָנגעקוועלט,
לוסטיקע לידער
פאַרהילכן די וועלט.
און אָט ווערט גאָר שטילער —
אַלץ בלייבט פאַרשטילט,
און אָט — ווערט גאָר ווילדער
ס׳פייער פון שפּיל:

שטעקל אין פויק טוט אַ האַמער,
פויק ענטפערט מיט ברום,
און פייקל זיך קלאַמערט
אַרום דעם געברום:
טוען די טאצן אַ קלונג
ווערט אַלץ אַרום שטום.
אַ געפליסטער אין שטילקייט:
זיי קומען, זיי קומען!
אין לויטערער מילדקייט,
מיט פאַרשלייערטן פנים,
די כלה, דער חתן קומט אָן,
נאָך זיי מחותנים:
שטייפע, אויסגעגלייכטע,
פונקט ווי יונים,
אויף פאַראַדן, אויף רייכע . . .

ט״ז

מחותנים קומען

דער עולם שטייט שטיל,
צופרידן און זאַט,
אויף גלאַנציקן דיל

ציט דער פּאַראַד.
הענט פּאַטשן בראַוואָ
פּאַר חתן, פּאַר כלה —
אַ פלינקע, אַ זשוואַווע,
זי שמייכלט צו אַלעם.
ווי אין אַ שפּיגל,
צוריק פאַלן שמייכלען
אַריין אין איר עיגול.
דערנעבן, דער חתן
מיט פריידיקן גאַנג,
זיין פּנים פאַרגאָסן
מיט ליבלעכן דאַנק.
הידד און בראַוואָ!
אַפּלאַדירן די געסט,
עולם ז׳טשעקאווע
מיט אויגן מ׳מעסט . . .
קלעזמאָרים פאַרשפּילן,
טענער עס ברילן,
זאָל עולם דערפילן . . .

צום טיש אויבן אָן,
מחותנים קומען אָן.
חתן-כלה — אין מיטן —

מיט פריילעך געמיטער . . .
די געסט אַרום טישן,
באַזעצן זיך אַלע.
און מ'נעמט זיך געניסן,
פון קוילעטש, פון חלה.
דער „בעסט-מען" זאָגט אָן:
„ליידיס און דזשענטס,
אַט הויבן מיר אָן,
מיט אַ טאָסט — צו חתן-כלה!"

דער עולם שטייט אויף
אַזוי ווי איין מאַן —
יעדער הויבט אויף
דעם כוס אין זיין האַנט.
פון שטילקייט אין זאַל
מיט אַ מאָל פּלאַצט אַרויס
אַ געזאַנג און אַ שאַל;
און ס'ווערט פול דאָס הויז
פון קולות אַלערליי:
אַ לויב צו ישראל!
אַ לויב דער מדינה!
וויל איז דער כלה!
דעם חתן איז וויל!

ס׳לויבן דאָ אַלע —
אין כאָר, ווי איין מאַן,
די שמחה איז גרויס —
פייער און פלאַם,
צום ווייפלטן מאָל
זיך ליידיקן אויס,
די כוסות אָן צאָל . . .

י״ז

רעדעס

אָט רעדט דער ראַביי,
אָט רעדט דער רעווערענד,
אָט רעדט דער גבאי,
און מ׳שטייט נאָך אין ריי
מיט רעדעס — אין הענט . . .
מען לויבט מחותנים
אַריין ביז אין הימל,
דעם טאַטן, דער מאַמען,
די קינדער — צוזאַמען,
ביז אייניקל סאַמען —
דער באָבען, דעם זיידן,
די שניר און די איידעמס —

יעדן באַזונדער:
אַ משפּחה — אַ וווּנדער!
מענטשן — די בעסטע,
אָנגעשטאָפּט מיט — תורה . . .
מענטשן — די גרעסטע,
מיט יראת הבורא —
קיין שפּרינקעלע זינד,
אַ ברכה צו מאַכן,
מ׳דאַרף זיך בלויז בענטשן . . .

און אַ ווונק טוט אַ שכן:
דאָס זיינען מלאכים,
גאָרניט קיין מענטשן . . .
קווען מחותנים:
אַ קלאָג צו די שונאים —
זאָלן זיי הערן
און צעפּלאַצט זאָלן ווערן . . .
שפּראָצט חוזק אויף ליפּן,
באַהאַלט מען אַ שמייכל,
מ׳גיט זיך אַ קניפּל:
אַ ביסעלע שכל . . .
פאַררייבט מען די רייד
מיט אַ ווערטל, אַ וויצל,

נאָר דאָרטן בײַם „מייק״
נאָך עמעצער „קוויטשעט״.
טוט מען גארגל אַ שווענק
מיט „ברענדי״, מיט „וויסקי״,
און ווי נאָך אַ קרענק
שטאָפּט מען אין קישקע.
מ׳שוויצט און מען אַרבעט —
אַריבער די כוחות.
און ס׳שוויצן די סארווערס
בײַם טראָגן די כוסות,
בײַם בײַטן די טעלער,
די לעפל און גאָפּל;
מען פילט אָן דעם „בעלער״ —
פול ביז צום נאָפּל . . .

און ווידער — אַ דונער,
טאצן — אַ קלאַפּ,
אַלע ווי שטומע,
מ׳טוט זיך אַ כאַפּ:
„ס׳וועט ריידן דער חתן!״
מען זיפצעט אָפּ לײַכטער:
שמחה וששון! . . .
בײַ מאַמען די אויגן

ווערן נאָך פּייכטער.
מעט הערן די „דרשה״,
זי וועט אפשר טויגן
צו עפּעס — נישקשה! . . .

שטייט חתן ביים „מייק״,
זיין האַרץ איז צעקלאַפּט,
ער האָט זיך פאַרהאַקט,
ער זוכט און ער טאַפּט,
און קוים וואָס ער שטאַמלט
זאַצן נאָר צוויי:
„טהענק־יו פאָר קאַמינג,
טהענק־יו עני וויי״ . . .
זיפצט עולם צופרידן:
טאַקע ווײ־ווײ . . .
מען פּליעשקעט מיט הענט:
גוואַלדיק די רעדע, אידן!
צערוקט נאָר די ווענט . . .

י״ח.

טענץ

האָבן קלעזמער אויפגעשפּילט
מיט צאַפּלדיקע טענער,
חתן־כלה האָט דערפילט
אויף זיך — אויגן צענער.
טאַנצן חתן־כלה:
אויף זיין אַקסל רוט איר קאָפּ,
פּאַטשן בראַוואָ, אַלע, אַלע,
פּיס עס שפּרינגען אין גאַלאָפּ . . .
גופים נאָענט, איינגעקלאַמערט,
פּעסט זיך דריקן לייב צו לייב,
ווי פון סקולפּטאָר אויסגעהאַמערט . . .
ס׳טאַנצן איצט שוין מאַן און ווייב —
אָט האָבן זיי זיך דורכגעדרייט,
זיך צום עולם צוגעשארט,
האָט דער עולם זיך דערפרייט:
אויף די טענץ זיך קוים דערוואַרט.

טאַנצט אַ שיינע פּאָר —
אַ מיידל מיט אַ אינגל,

ביידע זיינען יונג נאָך גאָר,
אין אויגן שפּילט אַ פֿינקל . . .
קוקן אויגן צוויי אין צוויי —
וואַרעמע פֿיר בליקן,
אין אַ ריטמיש לייכטן דריי
טאַנצן זיי אנטציקטע.
דריקט ער שטאַרק זי צו זיין ברוסט
פֿאַרליבט און אַזוי צאַרט,
און עס האָבן זיך צעקושט —
אַ האַרץ מיט נאָך אַ האַרץ . . .

טאַנצן יונגע — אַ פּאָר פֿאָלק,
אין ליבשאַפֿט שטאַרק פֿאַרבונדן,
שוועבן ווי אַ וואָלקן לייכט,
אין קרייזעלעך, אין רונדע.
געשלאָסענע ווי איינער, איינס,
פֿאַרפֿלאָכטענע אין איינעם —
אַ קעפּל קליין און גאָר אַ שיינס
מיט אַ קאָפּ אַ שיינעם.
מיט אויגן פֿאַרמאַכטע
צום טאַקט פֿונעם ריטעם,
טוט זי אַ שמייכל צו אים
און זיי פֿאַרשווינדן פֿון מיטן.

אירע אויגן עס גלאַנצן,
און ער הערט די קלאַנגען:
מיר וועלן נאָך טאַנצן
אַ לעבן אַ לאַנגן!

און אָט — אַ פּאָר
אין די מיטעלע יאָר:
פּאַרשנייט שוין די האָר,
מ׳טאַנצט לאַנגזאַם גאָר.
ער קוקט זי אָן
מיט אויגן פאַרגלעזערט,
זי שטויסט זיך גלייך אָן:
אָן איבעריק גלעזל
האָט ער געכאַפּט . . .
ער טאַנצט שוין פאַרמאַטערט,
זי טוט אים אַ קלאַפּ:
„שלאָפסט דאָך שוין איינעט —
אַ הויבּ טו די פיס!״
און ער צו איר טענהט:
„לאָז מיך שוין אָפּ,
ווייבל, מיין שיינע,
ס׳דרייט מיך דער קאָפּ״ . . .
און זי טראַכט: די שונאים

זיי זאָלן ניט זען
די ווייסטע מפּלה . . .
און זי טוט אים אַ נעם:
„קום, פערד, צום סטאַדאַלע! . . .״
ער קוקט אויפן זייגער
מיט אויגן פאַרפּולטע:
וואָס וויל זי אַ שטייגער,
מיין ווייב, די צעדולטע?
שוין צייט צו גיין שלאָפן!
ער קוקט זי בייז אָן,
די אויגן פאַרלאָפן,
ער פּילט ווי צו וויינען
און לאַכן — צוזאַמען;
זי זעט די בעלנים
זיך קלייבן אַרום אים,
באַטראַכטן מיט נייגער
זיין שיכורן גאַנג,
טוט זי אַ ריס אים:
„הינטישער פּגר,
אַלט ביסט און קראַנק
עס פלאַמט מיר דאָס פּנים . . .״

און אַטאָ — צוויי אַלטע —
אַ פרוי מיט אַ מאַן,
דער טאַנץ איז אַ קאַלטער,
ווי אַן אַקס גייט אין שפּאַן:
דער יאָך פון דער סאכע
דריקט אויף זיין קאַרק,
פון יאָרן די ברכה
מאַכט דעם טראָט האַרט.
מיטאַמאָל אָבער וועקט זיך
אַ פּנים, אַ דערמאָנונג,
ווי אַלץ וואָלט פאַרמעקט זיך,
זעט ער אין שטוינונג:
פרויען — פיגורן,
שפּעטיקע שעה,
און פון יוגנט די גבורה
טוט אַ ברי אין זיין קוק.
די ליפּן מיט שמאַכט
טוען אַ צוק,
און ס׳גליט אויף די נאַכט,
ביים פאַרגיין, ווי אַ פונק.
ער קוקט,
ער פילט,
וואקלענדע טריט
אויפן דיל וואָס עס בריט . . .

דער ריטם צעציט זיך,
די קלעזמער שוין מידע,
אַ מחנה עס ציט זיך —
פאַרמאַטערטע יידן.
און ס׳האָט דער אָרקעסטער
פאַרלוירן דעם ניגון,
און טענער די לעצטע
געוואָרן אַנטשוויגן.
דער עולם צעגייט זיך,
אַ ווינט טוט פאַרוויגן . . .
דער עולם צעשפּרייט זיך
אין נאַכט, אין דער בלינדער,
די קעפּ איינגעבויגן,
אויס שמחה, אויס ששון,
אַלץ איז פאַרפלויגן —
אויס כלה, אויס חתן;

די לבנה באַגלייט
דעם אורח, דעם לעצטן,
מיט זילבערנעם גליטער
אין שעה, אין דער שפּעטער . . .

קינדער-לידער

קינדער בײַם ברעג ים

בײַם ברעג פֿון גרויסן, טיפֿן ים
שפּילן קינדערלעך אַרום,
אַ דרײ, אַ פּרײ — אַזוי זיך סתם,
אַ שפּרונג, אַ לאַך, אַ יאָג, אַ זשום.

און אַ גראָב אין געלן זאַמד —
פֿאַרטיק ווערט אַ גריבעלע,
אַ שעפּ דאָס וואַסער מיט דער האַנט —
און אויסגעבויט אַ שטיבעלע.

וואַסער פֿולע הענטעלעך —
וואַקסן, וואַקסן שטיבעלעך,
מיט דעכעלעך, מיט ווענטעלעך,
בײַם ראַנד פֿון קליינע גריבעלעך.

* * *

בײַ אַ גאָלדן שטיבעלע
שפּילן זיך צוויי הינטעלעך —
די פּיסלעך אַרום גריבעלע
שטעמפּלען זאַמד מיט פּינטעלעך.

טוט אַ שפּרונג איין הינטעלע:
האָפּץ! אַריין אין גריבעלע;
דאָס צווייטע — חבר הינטעלע —
אַ יאָג — און אויס מיט שטיבעלע.

ווערן קינדער אומעטיק:
ניטאָ שוין מער דאָס שטיבעלע . . .
די הינטלעך פריידיק-ברומיקע
קייקלען זיך אין גריבעלע.

און אַ כוואַליע אַ געשווינטע
טוט זיך בייז אַ וואָרף צום ברעג,
דערשרעקן זיך די קינדער, הינטלעך
און אַלע לויפן זיי אַוועק.

* * *

ווידער הייבט זיך אָן דאָס שפּיל
ביים ברעג פון ים —
סתם אַזוי,
אַזוי זיך סתם:
אַ הינטלס בּיל,
אַ קינדס אַ לאַך,
הייזער-בוי
און הייזער-קראַך,
גאָמולקעס אין פורעמלעך
און זאַמדיק-גאָלד׳נע טורעמלעך.

און אַרום
דער ים:
זשום-זשום!
באַם-באַם!
זון-געשפּיל,
הינט-געביל,
און אַ קינד אַ נאַסער
טראָגט וואַסער —
אַ פול-פול-פולע האַנט . . .
און עס לויכט און לאַכט
אַרום
אין זון
און פּראַכט
דאָס גרויסע כּישופדיקע לאַנד
פון גאָלד-און-זאַמד — —

שרהלע און רינגעלע

האָט די מאַמע אָנגעטאָן
שרהלען אַ רינגעלע.
לאַכט און פרייט זיך שרהלע,
און שטעקט אַרויס איר צינגעלע.

לויפט שרהלע אין הויף אַרויס
אין קעסטל זאַמד זיך שפּילן,
דערזעט זי קליינער מאפּסעלע
און נעמט פון שמחה בילן.

שפּילט זיך שרהלע אין זאַמד
שיט הויפן נאָך אַ הויפן...
קנעט זי קליינע בייגעלעך,
ווי בעקער צו פאַרקויפן...

נאָר אינעם זאַמד דאָס רינגעלע
פאַרלירט די קליינע שרהלע,
זי באַקוקט איר פינגערל
און טראַכט זיך: — „אַ כפּרהלע"...

קומט צולויפן מאַפּסעלע
אַ גראָבּ טוט מיט זיין פּיסעלע,
גיט זיך אַ דריי אַ האַפּסעלע,
דערלאַנגט אין זאַמד אַ מישעלע.

טוט מיט נעזעלע אַ שמעק,
מיטן צינגעלע אַ לעק,
דרייט אין דריידעלעך זיין עק,
מישט און דרייט דאָס זאַמד — אַ שרעק —

גראָבּט טיפער נאָך אַ ביסעלע,
מיט זיין פלינקן פּיסעלע
דערלאַנגט פון פרייד אַ שפּרינגעלע,
ווען ער דערזעט דאָס רינגעלע.

האָט שוין ווידער שרהלע
אָנגעטאָן איר רינגעלע.
פרייט זיך אויך דאָס הינטעלע
און לעקט זי מיט זיין צינגעלע.

הינטל־פינטל

האָט דער זיידע באַשעלען
געבראַכט אַ שיינעם הינטל:
אַ פוכיקן, אַ ווייסינקן
און מיט אַ שוואַרצן פינטל . . .

טאַנצט און פרייט זיך באַשעלע
מיט איר ווייסן הינטל,
קושט זיין שטערן נאָכאַנאַנד
אויפן שוואַרצן פינטל.

טראַכט די קליינע באַשעלע,
ווי זאָל מען רופן ס׳הינטל? —
טראַכט זי, טראַכט און — אויסגעטראַכט:
זי וועט אים רופן „פינטל״.

„פינטל, פינטל, פינטעלע״,
רופט באַשעלע איר הינטל.
שמעקט און ס׳לעקט זי ס׳הינטעלע
מיטן שוואַרצן פינטל.

מישט פאַר פינטלען באַשעלע
פון ברויט און מילך אַ קאַשעלע:*
„קום פינטל, האָב אַ נאַשעלע
פון מיין געשמאַקן קאַשעלע״.

שפּילן אַלע טאָג זיך ביידע —
באַשע מיטן הינטל.
קוועלט פון ביידן אָן דער זיידע:
פון באַשען און פון פינטל.

* * *

אָבער הערט, וואָס ס׳האָט געטראָפן,
דאָ ניט לאַנג וואָס ס׳האָט פּאַרלאָפן,
הינטל, פינטל איז אַנטלאָפן, —
ווייט, גאָר ווייט אַוועקגעלאָפן.

זיצט פאַרטרויערט קליינע באַשע
ביי דער אויסגעמישטער קאַשע;
„וווּ ביזטו מיין קליינטשיק הינטל
מיט דיין שוואַרצן שטערן פינטל?״

„זיידע״, וויינט די קליינע באַשע,
וואָס וועט ווערן פון דער קאַשע?
ברענג צוריק מיר, זיידע, ס׳הינטל,
ס׳הינטל מיט זיין שוואַרצן פינטל״.

דאָס
גאָלדענע
קײקעלע

דאָס גאָלדענע קייקעלע*

א ַ מ ת נ ה
מ י י נ ע
א י י נ י ק ל ע ך

(אַ קינדערשפּיל אין 3 אַקטן)

אינסצעניזירט לויט אַ קינדער־מעשהלע

די לידער און מוזיק אָפּגעקליבן פון קינדער־לידער.

אָנטיילנעמער:
ל י נ ד אַ
ס ו ז אַ ן
ב אַ ש ע ל ע
ט אָ נ י
א י ל אַ נ אַ
נ י ע ל
מ ש ה ל ע
ש ר ה ל ע
ד ע ר אָ ן
ח י י ם
ט אַ ט ע
מ אַ מ ע
א ל י ה ו ה נ ב י א, מלאכים, רויטע יידעלעך און נאָך חברים און חברטעס פון משהלען און שרהלען.

* דאָס גאָלדענע קייקעלע איז דערשינען אין 1929 אין פאָרם פון אַ ביכעלע, אַרויסגעגעבן פון דעם רעדאַקטאָר פון די „גרי־נינקע ביימעלעך“, ש. באַסטאָמסקי אין ווילנע.

ערשטער אַקט

(די בינע שטעלט פאר אַ קלוב־צימער ביי אַ שול. קינדער שפּילן זיך פאַרשיידן: טייל לייענען, טייל שרייבן, מאָלן, אַרבעטן אאַ״וו. אין מיטן צימער שפּילן זיך אַ טייל קינדער אין קאַראַהאָד, זינגען (ליד נומער 1):

שיינינקע בלימלעך וואַקסן אין גאָרטן,
שיינינקע בלימלעך אַלערליי סאָרטן,
אַ קראַנץ פון רויזן, אַ קראַנץ פון בלומען,
האָט ביי אונדז שרהלע צוגענומען

(שרהלע גייט אַריין אין קרייז)

שרהלע, שרהלע, איי ווי דו ביסט שיין.
שרהלע, שרהלע, לאָמיר טאַנצן גיין.

(אַזוי, מיט דער זעלבער שפּיל, רופן זיי אַרויס אַנדערע קינדער, ביז אַ קינד רייסט איבער): קינדער, לאָמיר איצט שפּילן „משה־לעס געבורטסטאָג״. (די קינדער אין קרייז גייען איבער צו אַ ניי געזאַנג — ליד נומער 2):

אויף מיין משהלעס געבורטסטאָג,
האָט מען אויסגעבאַקט אַ טאָרט;
אָט אַזוי איז ער גרויס,
אָט אַזוי איז ער קליין,
אָט אַזוי איז ער ברייט,
אָט אַזוי איז ער הויך,
ליבער טאָרט, זיסער טאָרט,
וועמען ווילסטו אויף דיין אָרט ?

(זיי שפּילן אַזוי לאַנג ביז סוזאַן רייסט איבער):

סוזאַן: **קינדער, גענוג שוין, זייט אַ ווילע שטיל! איך האָב עפּעס צו זאָגן.** (אַלע בלייבן שטיל). **איר ווייסט, קינדער, נאָך דעם ווי דער לערער האָט אונדז נעכטן דערציילט די מעשהלע מיטן גאָלדענעם קייקעלע, האָב איך לאַנג געטראַכט, אפשר וועלן מיר דאָס קענען פאָרשטעלן. אָבער איך ווייס ניט ווי אַזוי ?**

לינדאַ: וואָס איז דאָ פֿאַראַן אַזוי צו וויסן? מיר דוכט, אַז מע קען דאָס פֿאַרשטעלן גאַנץ איינפֿאַך!

באַשעלע: געוויס! מע קען דאָס איינטיילן אין צוויי בילדער: דאָס ערשטע בילד — ביים אָרעמען האָלצהעקער אין הויז, דאָס צווייטע בילד — אין וואַלד, וווּ זיי געפֿינען זייערע קליידער.

סוזאַן: ניין, דאָס איז ניט קיין שיינער סוף. אויב די שפּיל וועט זיך ענדיקן אין וואַלד, דאַן — ווי אַזוי וועלן זיך זייער טאַטע-מאַמע דערוויסן, אַז זיי האָבן באַקומען שיינע זאַכן?

לינדאַ: אָ, איך ווייס שוין. אויב אַזוי, מוז מען נאָך צו-געבן אַ דריט בילד: ווי זיי קומען צוריק אַהיים און זייער טאַטע-מאַמע דערקענען זיי ניט, און נאָך דעם דערציילן זיי די גאַנצע מעשה.

חיים: אַלזאָ, איך האָב שוין דעם ריכטיקן פּלאַן: דער ערשטער אַקט קומט פֿאָר ביים האָלצהעקער אין הויז, דער צווייטער — אין וואַלד, אין שטיבעלע, און דער דריטער אַקט — ווידער ביים האָלצ-העקער.

שרהלע: איי, שאַ, מע דאַרף דאָך האָבן אליהו הנביא אויך?

טאַני: אַוודאי, שרהלע, מע דאַרף האָבן אליהו הנביאן, דעם האָלצהעקער, זיין ווייב,ביידע קינדערלעך און נאָך . . .

ניעל: איי, טאַקע, קינדער, לאָמיר דאָס פֿאַרשטעלן!

לינדאַ: ס׳איז טאַקע אַ גוטער פּלאַן, לאָמיר דאָס פֿאַר-שטעלן! אָבער איר אַלע, קינדער, מוזט זיין זייער שטיל!

אַלע: מירן זיין שטיל.

טאַני: ווייסט איר גאָר וואָס, קינדער, זאָל חיים איינ־
טיילן די קינדער, וועלכע ס׳וועלן שפּילן, און
די איבעריקע זאָלן זיך צעזעצן אַן דער זייט און
זיין דאָס פּובליקום.

אַלע: גוט, גוט !

דעראַ: גוט! איך וועל זיין טוביה דער האַלצהעקער, —
דער טאַטע. דו, שרהלע, וועסט זיין די מאַמע.
אַהרעלע וועט זיין — משהלע, פריידעלע וועט
זיין שרהלע. טאַני וועט זיין — אליהו־הנביא
און די אַלע איבעריקע קינדער וועלן זיין חב־
רים און חברטעס פון משהלען און שרהלען.

לינדאַ: שאַ, קינדער, איך לייג נאָך פאָר, אַז פון אָנ־
פאַנג צווייטן אַקט, אין וואַלד, אין שטיבעלע,
ווען משהלע מיט שרהלען שלאָפן, זאָלן קומען
רויטע יידעלעך און איינשלעפערן זיי מיט
געזאַנג און טענץ.

אַלע: דאָס וועט טאַקע זיין זייער שיין !

לינדאַ: גוט! טאַ גייט איר דערווייל זיך אָנטאָן און מיר
וועלן דאָ צוגרייטן די סצענע.

(די שפּילער, אַן אַ זייט, טוען זיך אָן: דער טאַטע — אַ לאַנגן
רעקל, די מאַמע — אַ לאַנגע קלייד מיט אַ טיכל, אליהו־הנביא
גייט אַרויס. די עלטערע קינדער שטעלן אַוועק אַ טיש אין מיטן
סצענע, זעצן פונאַנדער די איבעריקע קינדער אַן אַ זייט, אַלע

בלייבן רואיק. די שפּיל הייבט זיך אָן מוזיק נומער 3.)

טאַטע: (נעמט אַ ספר אין האַנט, זעצט זיךביים טיש, לערנט).

מאַמע: (נעמט זיך צום פאַרריכטן שרהלעס אַן אַלט קליידעלע.
משהלע און שרהלע זעצן זיך באַזונדער אין אַ ווינקעלע
און שפּילן זיך).

שרהלע: מאַמע, ווען וועלן מיר שוין עסן? איך בין אַזוי
הונגעריק !

משהלע: און איך אויך. גיב אונדז, מאַמינקע, כאַטש אַ שטיקעלע ברויט! וועסט עסן, שרהלע?

שרהלע: יאָ.

מאַמע: (זיפצט) שפּילט זיך דערווייל, קינדערלעך, איר וועט שפּעטער עסן.

טאַטע: קינדערלעך, איר וועט זיך שוין היינט לייגן שלאָפן אַזוי, דערפאַר וועט איר שוין מאָרגן עסן.

מאַמע: יאָ, קינדערלעך, איר ווייסט דאָך, דער טאַטע איז היינט קראַנק, האָט אין וואַלד ניט געקאָנט גיין, האָט קיין האָלץ ניט אָנגעהאַקט און גאָר ניט פאַרדינט היינט. דערפאַר מאָרגן וועט אייך דער טאַטע ברענגען צו בייגל און איר וועט עסן מיט זיסע טיי.

משהלע: גוט, מאַמינקע, וועלן מיר זיך נאָך אַ ביסעלע שפּילן און מיר וועלן גיין שלאָפן. יאָ, שרהלע?

שרהלע: יאָ! און מאָרגן וועט דער טאַטע אונדז ברענגען שיינע זאַכעלעך. פאַר דיר — אַ פערדעלע און דו וועסט פאָרן אויף אים, און פאַר מיר — אַ ליאַלקע . . . און דו וועסט מיך נעמען פאָרן אויף דיין פערדעלע?

שרהלע: און איך וועל מיין ליאַלקע אויך נעמען און מיר וועלן פאָרן ווייט־ווייט־ווייט. און מיר וועלן זיך שפּילן און ס'וועט זיין אַזוי שיין. יאָ משהלע?

משהלע: יאָ, אָן אמת, מאַמעניו?

מאַמע: יאָ, מיינע קינדערלעך! מיר פאַר אייערע ביינדעלעך. וואָס פאַר אַ גוטינקע קינדער איר זייט.

טאַטע: קינדער האָט אונדז גאָט געשענקט ווילינקע און געראָטענע. אָבער ווו נעמט מען פאַר זיי אויף צו שטילן דעם הונגער? אָט קומט באַלד יום-טוב און די קינדער גייען אָפּגעריסן, אָפּ-געשליסן. אַלע חברים און חברטעס זייערע וועלן זיך אָנטאָן נייע בגדימלעך, און אונד-זערע וואָס? איי, ס׳איז מיר אַ צער צו קוקן אויף זיי.

מאַמע: זאָרג זיך ניט, טוביה, פאַרזינדיק ניט, חלילה, מיט דיינע רייד!

שרהלע: מאַמעניו, און אַ קליידעלע אויף יום-טוב וועסטו מיר אויך מאַכן?

משהלע: און מיר אַ גאַרניטערל אויך?

מאַמע: (זיפצט) איך ווייס ניט, קינדערלעך, אפשר?... אַז דער טאַטע וועט געזונט ווערן, וועט אָנ-הייבן פאַרדינען...

(מוזיק נומער 4. פּיאַנאָ שפּילט שטיל ביז דעם סוף פון אַקט. די קינדער בלייבן זיצן אומעטיק. מע קלאַפּט אין טיר. טאַטע עפנט. עס קומט אַריין אליהו-הנביא, אָרעם געקליידעט, אַ זאַק אויפן פּלייצע, אַ שטעקן אין האַנט, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד).

אליהו: אַ גאָט העלף אייך! ווינען דאָ יידן? קאָן מען ביי אייך אַ ביסל אָפּרוען? אַ שטיקל ברויט געפינען, דעם הונגער צו שטילן?

טאַטע: קיין רייכע מענטשן זיינען מיר ניט. איין בעטל פאַר די קינדער צום שלאָפן און אַ שטיקעלע שוואַרץ ברויט איבערגעלאָזט פאַר די קינדער אויף מאָרגן. אָבער קומט אַריין! וואָס מיר האָבן, וועלן מיר זיך דערמיט טיילן. מע קען

דאָך אַ מענטשן ניט לאָזן פאַר הונגער שטאַר-
בן. זיצט, און מיר וועלן אייך גיין צוגרייטן
עפּעס עסן און נאַכטלעגער.

(ער און מאַמע אָפּ. אליהו זעצט זיך. קינדער קוקן פאַרוווּנדערט אויף דעם אָרעמאַן. אומעטיק.)

אליהו: וואָס זיצט איר אַזוי אומעטיק, קינדערלעך?

משהלע: ווי אַזוי זאָלן מיר ניט זיין אומעטיק?... אַלע קינדערלעך וועלן האָבן שיינע זאַכן אויף פּסח און מיר ניט. אונדזערע חברים וועלן זיך שעמען מיט אונדז צו שפּילן, און הונגעריק זיינען מיר אויך. (וויינט זיך פונאַנדער. אויף אים קוקנדיק, — שרהלע אויך).

אליהו: וויינט ניט, קינדערלעך! נאַט אייך צוויי שיינע גאָלדענע קייקעלעך און שפּילט זיך מיט זיי.

(הייבט זיך לאַנגזאַם אויף, באַוועגט זיך צום טאַקט פון מוזיק צו די קינדער. די קינדער פאַרגאַפט הייבן זיך אויף, טרעטן אָפּ צוריק. אליהו שטרעקט אויס ביידע הענט, אין וועלכע ס׳גלאַנצן אָפּ צוויי גאָלדענע קייקעלעך. ער גיט זיי די קינדער. משהלע און שרהלע באַטראַכטן די קייקעלעך אַנטקעגן פובליקום, שרייען אויס מיט פרייד: „אוי, טאַקע אמתע, גאָלדענע קייקעלעך!" די קייקעלעך פאַלן אַרויס פון זייערע הענט. זיי שרייען אויס: אוי! אליהו פאַרשווינדט.)

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט

(די סצענע שטעלט פאָר דאָס שטיבעלע אין וואַלד. דער מיטן סצענע — אָפּגעטיילט מיט אַ שפּאַנישן ווענטל. אין איין צימער — צוויי שיינע בעטלעך, אויף וועלכע ס׳שלאָפן די קינדער. אין צווייטן צימער — אַ טיש, אויף וועלכן עס ליגן גאָלדענע קליידער

פאַר משהלען און שרהלען. אַ שפּיגל אויף דער וואַנט.
ווען דער פאָרהאַנג עפנט זיך, שפּילט די מוזיק דעם אַריינפיר צום ליד נומער 5, לויטן טאַקט, באַוועגנדיק זיך שטיל אויף די שפּיצן פינגער, קומען אָן מלאכימלעך מיט פאַרשיידענע שפּיל־צייג און בלומען, זינגען:)

* שיינע זאַכן קומט אַרויס,
קומט אַרויס און שטעלט זיך אויס!
ריי נאָך ריי, באַזונדער.
ווייזט דורך וואָרט און ווייזט דורך
קלאַנג,
ווייזט דורך טאַנץ און דורך געזאַנג
שיינעם חלומס וואונדער.

רעפריין

ביימער: ביימער מיט באָרן, עפּל און ניס,
נעמט, קינדער, פּרוכט — געשמאַקע און זיס;
נעמט, קינדער, נעמט אייך,
וויפל איר ווילט,
נעמט, שיינע קינדער,
נעמט אייך און שפּילט!

בלומען: בלימלעך שיינע נעמט אַלערליי,
פלעכט בלומען קראַנצן, צירט אייך מיט זיי.
נעמט, קינדער, נעמט אייך,
וויפל איר ווילט,
נעמט, שיינע קינדער, נעמט אייך און שפּילט!

* די אויבנדערמאָנטע 3 פערזן זיינען גענומען געוואָרן פון י. סעגאַלס אַ קינדער שפּיל.

קליידער: קינדערשע קליידער, אַלץ איז פאַראַן;
אַן אַנצוג, אַ קליידל, היטעלעך פיין,
נעמט, קינדער, נעמט אייך
און פּאַסט עס אַן,
נעמט, שיינע קינדער, און טוט עס אייך אַן!

רויטינקע יידעלעך קומען צו אייך,
טאַנצן און זינגען לידער — אַ פּראַכט.
שלאָפט, קינדער, שלאָפט אייך
רואיק און שטיל,
זיסע חלומות חלומט אייך פיל!

(מלאכים פאַרשווינדן צום טאַקט פון דער מוזיק. רויטע יידעלעך קומען אַן, טאַנצענדיק לויט דער מוזיק פון ליד נומער 6. זיי שטעלן זיך אַרום די קינדערשע בעטעלעך, אליהו הנביא אין דער מיט, זינגען:)

קינדער גוטע, קינדער שיינע,
ווער האָט אייך געבראַכט
דאָ צו אונדז אין קליינעם שטיבל
אין אַ שפּעטער נאַכט?
נאָר ווער ס׳זאָל אייך דאָ נישט ברענגען,
זייט איר גוטע געסט,
שלאָפט זיך אויס געשמאַק און רואיק
און די זאָרג פאַרגעסט.

מאָרגן וועלן מיר מתנות
שענקען אייך אַ סך
און אַרויספירן אייך העלפן
צו דעם ברייטן שליאך...
שלאָפט זשע, שלאָפט זשע, קליינער קינדער,
שלאָפט זיך רואיק אויס,
מאָרגן וועט איר שוין געפינען
דעם וועג צו אייער הויז...

(רויטע יידעלעך, איינער נאָכן אַנדערן, טאַנצן אָפּ).

משהלע: (כאַפּט זיך אויף, רייבט די אייגעלעך, קוקט זיך אַרום ווו ער איז; וועקט שרהלען) שרהלע, שרהלע, שטיי אויף!

שרהלע: (כאַפּט זיך אויף, רייבט די אייגעלעך) אוי, משהלע, ווו זיינען מיר?

משהלע: (טראַכט אַ ווײַלע) איך ווייס שוין. דו געדענקסט, שרהלע? נעכטן בעת דער אַלטינקער יידעלע האָט אונדז געגעבן די גאָלדענע קייקעלעך, האָבן זיי זיך אַרויסגעגליטשט פון אונדזערע הענט און אַוועקגעקייקלט. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן נאָך זיי. זיי האָבן זיך געקייקלט און געקייקלט און מיר זיינען נאָכגעלאָפן נאָך זיי. ביז זיי האָבן זיך אַריינגעקייקלט אין וואַלד. און דאָ האָבן זיי זיך אַריינגעקייקלט אין שטיבעלע און מיר זיינען אויך אַריינגעלאָפן נאָך זיי. מיד זיינען מיר געווען, איז ווי מיר האָבן דערזען די בעטלעך, זיינען מיר אַנידערגעפאַלן אויף זיי און גלייך איינגעשלאָפן.

שרהלע: און מיר האָט זיך אַ חלום געחלומט: רויטע יידעלעך זיינען דאָ געווען, האָבן געזונגען און געטאַנצט אַרום אונדז. אוי, עס איז אַזוי שיין געווען...

משהלע: אוי, שרהלע, מיר האָט זיך אויך דאָס זעלבע געחלומט!...

שרהלע: (אומעטיק) אָבער ווי וועלן מיר איצט קומען אַהיים צום טאַטן-מאַמען? (וויינט).

משהלע: וויין ניט, שרהלע, מיר וועלן בעטן די קייקעלעך, וועלן זיי אונדז אַוועקפירן אַהיים. אָבער

וואַרט, אַט איז אַ טירעלע, לאָמיר אַרייַנגיין אַ קוק געבן, וואָס איז דאָרט?

שרהלע: איך האָב מורא!

משהלע: האָב ניט קיין מורא, שרהלע, איך וועל גיין דער ערשטער. (נעמען זיך פאַר די הענט, משהלע פאַרויס, גייען אין שרעק). אוי, שרהלע, זעסט סאַראַ שיינער רעקעלע און הייזעלעך, און אַ היטעלע, און גאָלדענע שיכעלעך!...

שרהלע: און אַט איז אַ גאָלדענע קליידעלע, און אַ היטעלע, און גאָלדענע שיכעלעך!...

משהלע: לאָמיר זיי אָנמעסטן.

שרהלע: גוט! (טוען אָן די קליידער).

משהלע: אַקוראַט אויף מיר!

שרהלע: אַקוראַט אויף מיר!

ביידע: (טאַנצן אונטער פון שמחה) אוי, ווי גוט, אוי ווי גוט!

משהלע: שרהלע, ווי זע איך אויס?

שרהלע: פונקט ווי אַ פּרינץ! און ווי זע איך אויס?

משהלע: פונקט ווי אַ פּרינצעסין.

ביידע: אוי, ווי גוט! אוי, ווי שיין!

שרהלע: קום, לאָמיר לויפן גיכער אַהיים, צו טאַטע-מאַמען. (אומעטיק) אָבער ווי אַזוי וועלן מיר טרעפן דעם וועג?

משהלע: זיי ניט אַזוי אומעטיק, שרהלע. דו געדענקסט, ווען עס האָבן זיך אונדז געחלומט די רויטע יידעלעך, האָבן זיי אונדז געזונגען: „מאָרגן וועט איר שוין געפינען דעם וועג צו אייער הויז". (זינגט).

שרהלע: (אומעטיק) יאָ, איך געדענק.

משהלע: קום, לאָמיר בעטן די קייקעלעך (גייען אַריין אין צווייטן צימער, בויגן זיך איין צו די קייקעלעך. זינגען ליד נומער 7).

ביידע: קייקעלע, דו שיינס,
קייקעלע, דו קליינס,
פיר אונדז פון וועלדעלע צום **3 מאָל**
טאַטע־מאַמעס שטיבעלע !

פון אונטערן בעט קייקלען זיך אַרויס די קייקעלעך צו דער טיר.
ביידע: (פאַר די הענטלעך) **גיכער אַהיים צו טאַטע־מאַמען!**

(זינגען ליד נומער 8):

גיכער, שנעלער, דער טאָג ווערט העלער,
פייל פון בויגן, גיך געפלויגן,
גיכער, שנעלער, דער טאָג ווערט העלער,
פייל פון בויגן, גיך געפלויגן . . .

פ אַ ר ה אַ נ ג

דריטער אַקט

(ביים האַלצהעקער אין הויז. דער טאַטע זיצט איבער אַ ספר, טרויעריק. די מאַמע גייט אום איבערן שטוב צעטראָגן, ברעכט מיט די הענט.

מאַמע: ווי איז מיר, ווי איז מיר! ווו זיינען די קינדער? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?

טאַטע: אַז די גאַנצע זאַך איז מיר עפּעס אַ רעטעניש: געקומען אַן אָרעמאַן, געבעטן צום עסן און אָפּרוען, און ווי מיר האָבן זיך נאָר אָפּגעקערט, אַזוי איז ער נעלם געוואָרן מיט די קינדער.

מאַמע: אָבער וואָס זשע זיצסטו? לויף, טו עפּעס! איך וועל דאָס ניט אַריבערטראָגן, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן! מיינע צוויי בריליאַנטן, מיינע צוויי אויגן אין קאָפּ!

טאַטע: וואָס קען איך נאָך טאָן? אַ גאַנצע נאַכט אויף די פיס: שוין אויסגעווען, ווו דו ווילסט נאָר אַליין, אין גאַנץ שטעטל געווען, אַלעמען פון די בעטן אויפגעוועקט, וואָס קען איך נאָך טאָן?

מאַמע: ווי איז מיר, ווי איז מיר! (ברעכט די הענט).

(ס'קומען אַריין צוויי קינדער, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע.)

מיידעלע: ווו איז שרהלע? איך וויל איר באַווייזן די נייע כוסות, וואָס די מאַמע האָט געקויפט אויף יום טוב, טאַקע מיט גאָלד.

ייִנגעלע: ווו איז משהלע? איך וויל אים באַווייזן מיין נייעם גאַרניטערל, וואָס מע האָט מיר געמאַכט אויף פּסח!

מאַמע: ניטאָ מיינע קינדערלעך! פאַרפאַלן געוואָרן, ווי איז מיר!

ייִנגעלע: אָ, איך וויים, מיסתמא אַוועקגעגאַנגען קויפן

ניס צום שפּילן. קום, מירעלע מירן גיין זיי
בּרענגען !

(גייען אָפּ אומעטיק. ס׳גייען אַריין אַנדערע4 קינדער.)

ערשטע: נאָך ניטאָ משהלע און שרהלע ?

צווייטע: נאָך ניט געקומען ?

דריטע: ווו זיינען זיי דאָס אַוועק ?

פערטע: אַבי מיר האָבן זיך געוואָלט שפּילן מיט זיי.

מאַמע: ניטאָ! קינדערלעך! האָט רחמנות, גייט אַרויס אין שטעטל, אפשר וועט איר זיי געפינען.

איינער: גוט! מיר וועלן טאַקע גיין און מיר וועלן זיי טאַקע געפינען. איר וועט זען, קומט קינדער !

אַלע: (אַרויסגייענדיק) מיר וועלן זיי געפינען און מיר וועלן זיי בּרענגען ! (אָפּ).

מאַמע: נו, טוביה, וואָס וועט זיין? מיינע טייערע קינ-דערלעך, מיינע בּריליאַנטן !

(פון דרויסן הערט זיך אַ טומל פון קינדער: געקומען! געקומען! עס לאָזן זיך אַריין אַ גאַנצע כאָפּטע קינדער; פאָרויס — משהלע און שרהלע אין זייערע שיינע קליידער.)

משהלע:
שרהלע: טאַטעניו ! מאַמעניו !

טאַטע: (שטייט אויף אַ צעטומלטער).

מאַמע: ווו זיינען מיינע קינדער? ווער איז דאָס דער פּרינץ, און ווער איז די פּרינצעסין ?

משהלע: טאַטעניו! מאַמעניו! איר דערקענט מיך ניט? איך בּין דאָך אייער יינגעלע משהלע.

שרהלע: מאַמעניו, דו דערקענסט מיך ניט? איך בּין דאָך דיין מיידעלע שרהלע! קוק זיך גוט איין אין אונדזערע פּנימער.

טאַטע: (קוקן זיך גוט איין אויף זיי. דערקענען זיי. נעמען זיי

מאַמע: אַרום. קושן זיי); טייערע קינדערלעך !

מאַמע: ווו זייט איר דאָס געווען, און וואָס זיינען דאָס פּאָר שיינע קליידער אויף אייך?

טאַטע: ווו האָט איר זיי גענומען?

משהלע: (דערציילט) הער, טאַטעניו! הער, מאַמעניו! ווי איר זייט נעכטן אַרויס צוגרייטן פאַרן אָרע־מאַן עפּעס עסן, אַזוי איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו אונדז און האָט אונדז געגעבן צוויי גאָלדענע קייקעלעך. מיר האָבן זיך געוואָלט נעמען שפּילן מיט זיי, האָבן זיי זיך אַרויסגע־גליטשט פון אונדזערע הענט און זיי האָבן זיך גענומען קייקלען, זיינען מיר געלאָפן נאָך זיי. האָבן זיי זיך אַריינגעקייקלט אין וואַלד, אין אַ שייניקער שטיבעלע, זיינען מיר אויך אַריין אין שטיבעלע, האָבן מיר דערזען דאָרט צוויי שייניקע בעטעלעך. מיד זיינען מיר געווען, האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן.

שרהלע: האָט זיך אונדז געחלומט, אַז רויטינקע יידע־לעך האָבן געזונגען און געטאַנצט אַרום אונדז.

משהלע: און ווי מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָבן מיר דערזען אַ טירעלע. זיינען מיר אַריין אַהין אין צימער, האָבן מיר דאָרט געפונען די גאָל־דענע קליידער.

טאַטע: און ווי אַזוי האָט איר דעם וועג צוריק גע־טראָפן?

שרהלע: מיר האָבן געבעטן די גאָלדענע קייקעלעך, האָבן זיי אונדז געבראַכט אַהער. אָט זיינען זיי (ביידע גיבן די קייקעלעך דעם טאַטן).

טאַטע: (אויסער זיך) אוי, דאָס איז דאָך אליהו־הנביא געווען!

מאַמע: **אליהו-הנביא!**

קינדער: **אליהו-הנביא!**

טאַטע: **אויב אַזוי, איז לעבעדיק, קינדער, פריילעך זאָל זיין! מיר וועלן האָבן, אַ דאַנק גאָט, אַ פריילעכן יום-טוב!**

(אַלע טאַנצן. נאָכן טאַנץ זינגען די קינדער אַ פסח-ליד:)

קומט דער פרילינג און גלייך מיט אים
קומט דער ליבער יום-טוב גלייך צוגיין.
טאַ זאָגט זשע, קינדערלעך, ווער ווייסט,
ווי דער ליבער יום-טוב הייסט?
און עס ענטפערט דער קינדערשער כאָר:
יאָ, מיר ווייסן דאָס אַלע גאַנץ קלאָר,
יאָ, מיר ווייסן געוויס,
דאָס איז פסח מיט ניס
און מיט כוסהלעך וויין,
לאָמיר אַלע פריילעך זיין! **רעפריין**

פוצט זיך אויס און קאַמט זיך אַלע אויס,
טראָגט דעם חמץ גיכער אַרויס!
טוט זיך אָנעט שיין און פיין,
כדי צום סדר פאַרטיק זיין.
ריין און ליכטיק איז אומעטום,
ליבער יום-טוב, קום שוין, קום!
זינג זשע, קינדערלעך, זינגט,
פולע כוסהלעך טרינקט,
פסח, פסח ביסט שיין
ווי דער פרילינג אַליין! **רעפריין**

פ אַ ר ה אַ נ ג

No. 1.



No. 2.




No. 3.
No. 4.
No. 5.


5a
Introd.
Moderato.


No. 6. Introduction
Moderato.


N 6 a
No. 7
No. 8


No. 9.

קריטיק און אָפּרופן פון שרייבער, קולטור-מענטשן און לייענער וועגן בוך פון מענדל טאַבאַטשניק „מענטש און זיין אַרום“, וואָס איז דערשינען אין 1963.

יעקב באָטאָשאַנסקי ע״ה

בעת זיין באַזוך אין דרום־אַפריקע, האָט געלייענט פון מאַנוסקריפּט איינע פון די פּאָעמעס אין דעם בוך: „די חתונה“ — און אָט ווי ער האָט זיך אָפּגערופן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „די פּרעסע“.

צווישן אַנדערן שרייבט ער :

מענדל טאַבאַטשניק איז אויך אַ באַגאַבטער דיכטער. ער שרייבט קינ־דער לידער און לידער בכלל. מיר האָבן אין דער קינדער אָפּטיילונג פון „די פּרעסע“ פאַרעפנטלעכט עטלעכע פון זיינע לידער און זיי האָבן עושה רושם געווען. און ער איז כסדר שעפעריש. ער האָט ניט לאַנג אָנגעשריבן אַ פּאָעמע א. נ. „א חתונה“ וועט זי פאַרנעמען אַ געוויסן פּלאַץ אין דער יידישער פּאָעזיע. זי שילדערט אַ יידישע חתונה אין יאָהאַנעסבורג, איז דאָרט פאַראַן אי דאָקו־מענטאַרישקייט פון אַפריקאַנער לעבן, אי פּאָעזיע. פאַראַן אין אָט דער פּאָעזיע השפּעות פון א. לוצקי און שלום עליכם, אָבער פאַראַן אויך אייגנאַרטיקייט. עס איז איינע פון יענע פּאָעמעס, וואָס זיינען געשריבן פאַר — אמת . . .

אויסלענדישע שרייבער:

דער באַקאַנטער נאָוועליסט ש. א י ז ב אַ ן שרייבט אין „אונדזער וואָרט", פּאַריז, (27טן סעפּטעמבער, 1963):

דאָס לידער־בוך פון מענדל טאַבאַטשניק איז אַ סכום אָבסערוואַציעס און מעדיטאַציעס, וואָס דער דיכטער האָט געבערענגט צו אונדז אין זיין גאָר רייפן עלטער.

די זאַמלונג איז אַ צוזאַמענשטעל פון פאַרשיידנאַרטיקע מאָטיוון. מען געפינט דאָ רירנדיקע געמיט־אויסגוסן, קלוגע משלים, מעדיטאַציעס וועגן מענטש און וועלט, פאַבעלען. אין טייל לידער הערן מיר אַן עכאָ פון אַ לוצקי, וועמענס כוח איז באַשטאַנען אין אַריינבלאָזן דעם אָטעם פון לעבן אין טויטע קעגנשטאַנדן. אויך מענדל טאַבאַטשניק מאַכט אונדז הערן די שפּראַך פון דומם מיט זיינע אייגענע שפּראַך־ניואַנסן. ווי אַ מוסטער קען מען אָנווייזן אויף אַזעלכע לידער ווי: „אַ שוועבעלע", „אַ פידל", „די שפּין און די פליג", „צוויי מייז" א"א.

טאַבאַטשניק קען זיין באַגייסטערט און ניכטער, ענטוזיאַסטיש און קיל. און אָט די עקסטרעמע שטימונגען קומען צום אויסדרוק ביים מאָלן פּלאַסטיש דאָס ביימעלע און דאָס ריטעלע, די שטאָט און דאָס פעלד. מיר הערן אויך טענער פון פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטער פאַרטיילונג צווישן ווייס און שוואַרץ אויף דעם טונקעלן קאָנטינענט. אין די אָבסערוואַציעס וועגן דעם סודותדיקן באַשאַף הערט מען אָפט דעם אָפּהילך פון קוהלת־אומעט. די פערזן וועגן מענטשלעכע חסרונות. וואָס פאַרנעמען אַ באַזונדערן אָפּטייל אין בוך, אימפּאָנירן מיט זייער פשטות און לאַקאָנישן זאָץ־בוי.

מענדל טאַבאַטשניק איז אַ זון פון זיין דור, אַן עדות פון אַ טראַגישער תקופה אין לעבן פון זיין פאָלק. ער האָט געזען דעם מבול פון פייער און ער קומט אויך מיט זיין ליד פון קינות אויפן חורבן. ער האָט זיך באַוויזן צו אונדז ווי אַ פּאָעט מיט זיין ערשטלינג־בוך, כאָטש מיר ווייסן, אַז ער איז אַן אַקטיווער ביישטייערער פון רעפּאָרטאַזשן, דערציילונגען, מעמואַרן און אַרטיקלען אין די דרום־אַפריקאַנישע צייטונגען און פעריאָדישע אויסגאַבן. מיר דערוויסן זיך אויך, אַז ער איז געווען פאַרבונדן מיט דעם יידישן טעאַטער.

אָבער זיין פּאָעטישע פיזיאָנאָמיע איז דאָך אַנטפּלעקט געוואָרן אין זיין לידער־זאַמלונג „מענטש און זיין אַרום". די אַנטפּלעקונג ביי מענדל טאַבאַטש־ניק איז געקומען אין רייפן עלטער, אויף דער אַפריקאַנער ערד — דאָרט, וווּ ער האָט געקראָגן לשון און אימפּעט אויסצוזאָגן און אויסצוזינגען זיינע געזאַנגען.

י ע ק ב ב אַ ט אַ ש אַ נ ס ק י ע"ה שרייבט אין זיין קאָלום אין „די פרעסע", בוענאָס איירעס :

די מערסטע לידער אין בוך זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט פון לוצקין און זיי זיינען געשריבן אין זיין גייסט און אין זיין נוסח.

טאַבאַטשניקס לידער לייענען זיך פון זיך אַליין . . . ער איז צום מערסטן לוצקיס אַ פּראָגאָן. מ'קען אויך געפינען אברהם רייזענס ההשפעה אין זיינע לידער. און אויב אין די דאָזיקע לידער, אין וועלכע ער איז באַאיינפלוסט פון לוצקין, שמעקט אַ סך מאָל מיט משל און אפילו מיט פעליעטאָן, איז אין די אַנדערע לידער אונדזער מחבר עכט אין זיינע געפילן און ער קען אַ ברי טאָן און איבערצייגן.

מ. טאַבאַטשניקס לידער זיינען אַלע געשריבן אין אַ קאָרעקטן ריטם. ער שרייבט אָדער אין קלאַסישן ריטם, אָדער אין לוצקישן אומרעגלמעסיקן ריטם, וואָס האָט אין זיך עפּעס פון „דזשאַז". די לידער זיינען אַזוי לייכט און שפּילעוודיק, אַז מ'קען זיי כמעט אַלע פאַרלייענען און איך האָב דעם איינדרוק, אַז ווען מען לייענט זיי פאַר ווירקן זיי בעסער ווי מען לייענט זיי פאַר זיך".

מ ר ד כ י וו. ב ע ר נ ש ט י י ן שרייבט פון ניו־יאָרק (דעם 9טן פעברואַר, 1963) :

מיין טייערער פריינד מענדל טאַבאַטשניק :

איך האָב באַקומען אייער גאָר פיינע מתנה, דעם לידער־ספר. מיר, איך און מיין פרוי, האָבן געמאַכט אַ שהחיינו — אַ דאָפּלטן: ערשטנס דער גרוס פון אייך, און צווייטנס — טאַקע פון דעם בוך, סיי פון זיין אינהאַלט, סיי פון אויסזען — עס איז טאַקע אַ קנקן און אויך דער מה שיש בו, גאָר גוט.

איך האָב געוויזן יאַסל מלאַטעקן דאָס בוך. עס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן דער אלף־בית־שפּיל און עס איז דאָ אַ געדאַנק, אַז די קינדער פון די אַרבעטער־רינג־שולן זאָלן עס טאַקע שטעלן. עס איז באמת אַ פיינער איינפאַל און מייסטערדיק צונויפגעשטעלט.

מיט די בעסטע פריינדשאַפט־גרוסן אויך פון מיין פרוי.

אייער **מרדכי וו. בערנשטיין.**

משה דלוזשנאָווסקי, שרייבט פון ניו־יאָרק, (דעם 18טן יוני, 1963) :

זייער חשובער פריינד מ. טאָבאָטשניק :

אַ האַרציקן דאַנק פאַר אייער בוך: „מענטש און זיין אַרום". עס איז אַ וועלט מיט לידער, משלים, מעשהלעך און אמתע פּאָעזיע. אַ סך מוזיקאַלישע שורות פאַראַן אין די לידער, און די גראַמען האָבן אין זיך פּאָעטישע שיינקייט.

די קינדער־לידער זיינען זייער האַרציק, האָבן אַלעגאָריע, מוסר־השכל, און דאָס מעשהלע, וואָס איז זייער צוגעפּאַסט פאַרן געמיט פון קינד.

עס איז אַ פיין בוך. אַ סך לידער קענען ווערן רעציטירט און האַלטן אַן עולם, וואָס וועט האָבן אַ גוואַלדיקע הנאה.

איך גופא האָב געלייענט כמעט אַלע לידער פון בוך, עס האָט מיך פאַרכאַפּט די שפּילעוודיקייט פון די לידער און די באַזונדערע שורות פון פּאָעטישן ווערט און דיכטונג.

אַ גרויסן יישר־כוח אייך פאַרן בוך. איך וועל אייך בקרוב אָפּדינען אין פריידן.

אייער **משה דלוזשנאָווסקי.**

ד״ר מיכאל ווייכערט, תל־אביב (27.6.63) :

אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר אייער שיינער מתנה „מענטש און זיין אַרום".

מיט גרויס פאַראינטערעסירונג האָב איך געלייענט אייערע לידער און עס האָט אַ ווייע געטאָן אויף מיר מיט זיכרונות פון אַמאָליקע צייטן אין אונדזער פוילן.

כ'האָב געזען פאַר זיך קינדערלעך, וואָס שפּילן אייערע פּיעסעס און דעקלאַמירן אייערע לידער און דערוואַקסענע וואָס רעציטירן זיי בציבור אין קלענערע געזעלשאַפטן און פאַר אַ גרעסערן עולם. אָט די קרובהשאַפט אייערע מיט צוויי צווייגן פון יידישער פאָלקס־שאַפונג: שול און טעאַטער, וואָס זיינען אַלעמען נאָנט און ליב, האָבן שטאַרק געווירקט אויף מיר. כ'האָב אַוועקגע־שטעלט אייער בוך אויף אַ בכבודיקן אָרט אין מיין ביבליאָטעק און נישט איין מאָל וועל איך עס אַרויסנעמען און אַריינקוקן אין אים. איך ווינטש אייך פון גאַנצן האַרצן אַ סך געזונטע יאָרן און ווייטערדיקע שעפערישקייט.

זייט געזונט און שטאַרק, מיט בעסטע גרוסן,

אייער **מ. ווייכערט.**

פ. װ ע ל נ ע ר ע״ה, יידישער שרייבער, קאָפּענהאַגען, דענעמאַרק:

אייער בוך איז יום טובדיק אין אויסזען, און נישט ווייניקער פון דער יום טובדיקייט איז דאָ אין זיין אינהאַלט. אָט אַזוי — פּשוטע, פאָלקסטימלעכע יום טובדיקייט, און אויך אַזוי פיל פאָלקסטימלעכע דערפאַרונג און חכמה.

אַ סך פון די לידער בעטן זיך אָנגעקליידט צו ווערן אין מעלאָדיעס, וואָס זאָלן גיין פון מויל צו מויל צווישן פאָלק, אָבער לײדער, ווו האָבן מיר היינט אַ פאָלקס־מויל ?

זייט האַרציק געגריסט,

אייער **פּנחס װעלנער.**

מ א י ר ז י מ ל ט ק אַ ט ש, באַוואוסטער דיכטער, ניו־יאָרק:

ליבער קאָלעגע מענדל טאַבאַטשניק:

איך האָב נאָך דאָס גאַנצע בוך נישט באַוויזן איבערצולייענען. אָבער פון דעם שוין געלייענטן זע איך, אַז איר שרייבט אויף אַן אופן וואָס איז מיר צום האַרצן: פאָלקסטימלעך און פאַרשטענדלעך,
קאָלעגיאַל,

אייער **מאיר זימל טקאַטש.**

ש י ע ט ע נ ע נ ב ו י ם, באַקאַנטער יידישער שרייבער, ניו־יאָרק:
חשובער פריינד מענדל טאַבאַטשניק,

דערהאַלטן אייער שיינע מתנה „מענטש און זיין אַרום״, איך דאַנק אייך וואַרעם און האַרציק.

איך האָב דערווייל בלויז אַריינגעקוקט אין בוך און דערזען און דער־פילט דאָס פּנים פון אַן איידעלן און אויך קרעפטיקן פאָלקס־מענטש, וואָס ערגעץ־ווו האָט אים אָנגערירט די דיכטונג.

עס איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו לייענען דעם אַריינפיר פון דעם געשעצטן פּאָעט און קריטיקער דוד וואָלפּע, עס איז קיין שום פראַגע ניט, אַז איך פאַרלאָז זיך אויף דעם וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן אייך.

זייט וואַרעם באַגריסט,

אייער **שיע טענענבוים.**

א. ליס פּאָפּולערער שרייבער, תּל־אביב, שרייבט:

חשובער פריינד מענדל טאַבאַטשניק:

אַ דאַנק אייך פאַרן צושיקן מיר אייער לידער־זאַמלונג „מענטש און זיין אַרום".

איך האָב דאָס בוך איבערגעלייענט מדף לדף, און בפירוש הנאה געהאַט פון דער לייכטקייט און ריטמישקייט פון אייערע לידער, וועלכע באַרירן דווקא עיקרדיקע און צומאָל פּאַרטיפּטע ענינים פון מענטש, פון ייד, פון וועלט און נאַטור, די סאָציאַלע צוגעשפּיצטקייט אין טייל לידער מאַכן זיי נאָך ווערטיקער און ווערדיקער.

ס'איז גוט צו פילן אַז גראַד אין דרום אַפריקע, ווו יידיש און יידישע שאַפונג האָט קיינמאָל, דוכט זיך, ניט געהאַט קיין צו געהויבענע דאָליע איז דערשינען איצט אַ בוך, מיט פיינע, האַרציקע, פאָלקסטימלעכע און פּיקחותדיק פאַרטראַכטע לידער. דערצו נאָך אין אַזאַ שיינער, זאָרגפעליקער אויסגאַבע, וואָס עס איז אַ פאַרגעניגן צו האַלטן אין האַנט און לייענען — באַזונדער ווילט זיך מיר אַרויסהייבן די גרופּע „קינדער־לידער", אפשר דערפאַר אויך — וואָס פון תּמיד האָב איך אַ סענטימענט פאַר די, וואָס שאַפן פאַר קינדערס וועגן, דיכטער, וואָס שרייבן פאַר קינדער האָבן אין מיינע אויגן אַ דאָפּלטן ווערט. — — —

ווינטש איך אייך הצלחה און לאַנגע יאָרן פון שעפערישקייט.

מיט פריינדלעכע גרוסן,

א. ליס.

אייזיק מירסקי — שרייבער־הומאָריסט פון בוענאָס איירעס (22טן מאַי 1963):

טייערער פריינד ר' מענדל טאַבאַטשניק נ"י:

דערהאַלטן דיין „מענטש און זיין אַרום".

דאָס בוך ליגט ביי מיר דערוויייל אויפן טיש אין קאַמעדאר און די געסט וואָס קומען צוגיין דערלאַנג איך עס זיי — און בין זיי מכבד במקום צובייסן מיט דיינע פּאָעזיע.

הער אויס, מיין טייערער חבר, די נאַטור האָט דיר געבענטשט מיט אַ טאַלאַנט פון אַ פּאָעט. איך בין טאַקע ניט קיין ליטעראַטור־קריטיקער, נאָר אַ פּשוטער הומאָריסט, אָבער איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז דיין פּאָעזיע איז לייכט און היימיש און מען דאַרף זיך ניט גריבלען, אָנשטרענגען צו פאַרשטיין דיינע „באַסניעס און סאַטשיניענעס".

זיי האַרציק געגריסט און נעם צו, דו און דיין האַרציקע פייגעלע, די גוטע ווונטשן פון אייערע פריינד און חברים.

מיט פיל אַכטונג און ליטעראַרישן רעספּעקט,

אייזיק מירסקי ובני ביתו.

פשוטע לידער פון מענדל טאַבאַטשניק

מ. מ י נ ץ „אייגנס" ישראל אָקטאָבער—נאָוועמבער, 1963 :

„מענטש און זיין אַרום". לוקסוס־אויסגאַבע. יידישע אותיות אַרומגע־רינגלט מיט פראַכט און גלאַנץ — אַ מין גלעט איבערן קעפּל פון היימיש־פשוטן געזאַנג, וואָס דער דיכטער לאָזט הערן אין זיינע העכער 300 זייטן.

„די לידער און פּאָעמעסריידן מיט אַ פּשוט לשון, דירעקט צום האַרץ פון יעדן לייענער. יעדער איינער, דאַכט מיר, וועט נאָכן איבערלייענען די לידער קענען רואיק זאָגן: דאָס זיינען לידער פאַר מיר — — די פּשוטקייט פון סטיל און לשון, וואָס וועט נישט מאַטערן מיט זוכן אַ פירוש אויף מיינע לידער." — אַזוי זאָגט דער מחבר, זאָגט עס „צום לייענער" זייער פּשוט און זייער היימיש, ווי פּשוט און היימיש ער דערציילט דעם לייענער מכוח פאַרשידענע געשעע־נישן, מכוח צאַרטע און נישט־צאַרטע זאַכן, וואָס פרייען און מאַטערן דעם מענטש און זיין אַרום.

און אַזוי זאָגט דער מחבר אין זיין אַריינפיר־ליד :

מיין ליד פון מענטש איז און זיין גאַנג,
דאָס פּשוט מענטשלעכע געזאַנג,
וואָס אייגן איז מיר, ווי מיין גוף,
כאָטש כ'בין פּאָעט — נישט פון באַרוף.

נאָך אַזוינע התנצלות־שורות איז נישט שייך אָנצושרייען אויפן מחבר מכוח דאָס און יענץ, וואָס עס טרעפט אַלץ מיט אַ פּאָעט דאָ און דאָרט. ניין. דאָס בוך איז יאָ און נישט געגראַמט, יאָ און נישט געפּינטלט . . . עס זיינען געזאַנגען מיט מיין און מיט חן — פאַר גרויס און קליין. בפירוש: ווייכע און געשמאַקע לידלעך, וואָס זאָגן ע פּ ע ס, וואָס פאַרלאַנגען ע פּ ע ס.

אַלעגאָרישע לידער, אויך סאָציאַלע מאָטיוון.

דער אָפּטייל „שוואַרצער און זיין וועלט" ברענגט אַרויס — כאָטש מיט ווייך געזאַנג — די קרעציקע און שאַרף־שניידיקע טראַגעדיע פון מענטש א י ן זיין אַרום — אינעם אַרום פון אַליין־געקרוינטן בחיר היצירה.

דערוועגן דערציילט עס פּשוט, גלאַט און — מיט געוויין.

און דאָ קומט דאָס ליד פון אַ פּיקינין אינגאַנצן, ווי אויך אייניקע ביאָ־גראַפישע שטריכן פון מחבר און דער שרייבער פאַרענדיקט :

זיין איצטיק בוך דערציילט, אַז דער מחבר איז „דורכגעווייקט" מיט יידיש, מיט יידיש לעבן און מיט „געשטאַלטן שיינע פון פאַרצייטן: / אויגן־גלי און פּיאות, באָרד — / שוועבן פון אַלע זייטן, / ווערט מיר גוט און לייכט מיר ווערט" (ערב שלאָף, ז' 28).

אַ בוך, וואָס איז באמת גוט צו לייענען ערב שלאָף; אַ בוך, וואָס מאַטערט נישט, וואָס פּייניקט נישט מיט קיין פירושים־וויזיעס — דער מחבר האָט דערגרייכט זיין ציל.

י צ ח ק פ אַ נ ע ר, יידישער שרייבער, בת־ים, ישראל:

חשובער פריינד מענדל טאַבאַטשניק,

באַקומען אייער לידער־בוך „מענטש און זיין אַרום", אַדאַנק!

אייערע לידער מאַכן אַ גוטן איינדרוק. עס זיינען לידער! דאָס בוך מאַכט שוין ד׳ערפאַר אַ גרויסן איינדרוק דערמיט, וואָס עס „איז איינע פון די זעלטנסטע דערשיינונגען וואָס אַנטפּלעקן זיך ווי אַ וווּנדער".

נישט נאָר לוצקי, נאָר מיר שיינט, אַז אויך אליעזר שטיינבערג איז געווען אייער רבי. אין אַ סך משלים און אַלעגאָריעס פילט זיך די השפעה פון אָט דעם גרויסן מייסטער.

איך דאַנק אייך פון האַרצן פאַר דער זעלטענער און טייערער מתנה און ווינטש אייך אַ סך געזונטע און שעפערישע יאָרן.

אייער **יצחק פאַנער.**

ר אָ ז ע פ אַ ל אַ ט נ י ק, יידישע שרייבערין, ריאָ דע זשאַנעיראָ, בראַזיל:

זייער חשובער קאָלעגע מענדל טאַבאַטשניק,

באַקומען אייער זייער שיין אַרויסגעגעבענעם בוך. אַזאַ שיין בוך איז איצט פון עסטעטישן שטאַנדפּונקט אַ זעלטנהייט.

איך בין זיך מודה און בין מסכים מיט אייך, אַז די „מאָדערנע" ווייס־פּערזיקע שורהלעך זיינען פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך און מ׳האָט פון זיי אומזיסטע קאָפּ־ברעכעניש און געהירן־אַקראָבאַטיק... אָבער פון דעם וואָס איך האָב באַוויזן צו לייענען פון אייער שיין בוך „מענטש און זיין אַרום" האָב איך בפירוש הנאה געהאַט.

אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט שיק איך אייך אַרויס מיין לעצטן בוך.

זייט האַרציק און חבריש באַגריסט,

אייער **ראָזע פאַלאַטניק.**

י ר ח מ י א ל ש אַ פּ י ר אָ, ישראל (זיינע לידער ווערן אָפט געדרוקט אין דער „אַפריקאַנער אידישע צייטונג").

חשובער פריינד מענדל טאַבאַטשניק,

מיט גרויס פאַרגעניגן האָב איך געלייענט און געלערנט אייער בוך לידער. איך מוז מיך מודה זיין, אַז איך בין אַ קנאַפּער לייענער פון מאָדערנער פּאָעזיע, אָבער אייער בוך איז אַן אוצר פון שטיקער לעבן, אָנהויבנדיק פון ערשטן בלעטל ביזן סוף.

וויפל פאַרשיידענע מאָטיוון, אפילו די קוהלת און מוסר מאָטיוון זיינען מענטשלעך און פּאָזיטיוו.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז כאָטש איך בין אַ שטאַרקער לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור האָב איך נאָך, דוכט מיר, ביז היינט ניט אָנגעטראָפן אַזאַ בוך, אַזאַ ספר.

באַזונדערס אייערע קינדער לידער מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק. וויפל יידישע שרייבער פאַרנעמען זיך היינט מיט שאַפן פאַר אונדזערע קינדער? דערפאַר קומט אייך אַ באַזונדערן יישר־כוח.

לכן, מיין פריינד, אייער בוך איז אַ צירונג אין יעדע יידישע הויז ווו עס איז נאָר פאַראַן אַ ביכער־שראַנק.

שרייבט וואָס מער.

בכל הכבוד,

אייער **ירחמיאל שאַפּיראָ.**

נ. ש מ ן, באַקאַנטער שריפטשטעלער, שרייבט פון טאָראָנטאָ, קאַנאַדע (19 פעברואַר, 1964) :

זייער חשובער און הויך־טאַלאַנטירטער מ. טאַבאַטשניק: אייער מתנה „מענטש און זיין אַרום" — באַקומען מיין האַרציקן יישר־כוח.

געלייענט, פון אָנהויב, די פּרעכטיקע הקדמה פון ד. וואָלפּע, און נאָך דעם — די לידער וואָס לייענען זיך אַזוי גוט ביזן לעצטן ליד אין דער דאָזיקער הערלעכער אויסגאַבע:

תורה — לערנען און זיין גוט
אי צו גאָט און אי צו לייט.
קינדער, נעמט זיך אָן מיט מוט
ליבט דעם מענטש ווי זיך אַליין — —
דעם מענטש פון נאָענט, דעם מענטש פון ווייט...

איר האָט מיך פאַרשאַפט גרויס עונג מיט אייערע לידער, ליד פון „מענטשנס גאַנג און זיין געזאַנג", ווי איר דריקט זיך אויס, שוין אין ערשטן ליד.

די לידער ווייזן אויף דער שפע פון פּאָעטישקייט, וואָס איר באַזיצט, גרויס טאַלאַנט. אַ וואונדער וואָס איך האָב נישט געוווּסט וועגן אייערע ליטע־ראַרישע טעטיקייטן, אפשר, ווייל איך באַקום נישט קיין שריפטן פון דרום־אַפריקע. איך ווייס יאָ, אַז די היגע ליטעראַטור־קריטיק האָט שטאַרק געלויבט אייער לידער־בוך.

איך ווינטש אייך נאָך אַ סך אַזעלכע גרויסע יצירות, מתוך נחת והרחבה.

אייער **נ. שמן.**

י. קערש, ליטעראַטור קריטיקער, שרייבט אין „אונדזער געדאַנק" — מעלבורן, אויסטראַליע, אויגוסט 1964 :

מענדל טאַבאַטשניק איז אַ באַשיידענער פּאָעט. אין אַלע לידער פון זיין בוך „מענטש און זיין אַרום" שפּירט מען טעאַטראַלישקייט (דער מחבר איז פאַרבונדן מיט טעאַטער) און דעקלאַמאַטאָרישקייט. דעריבער ווילן אייניקע זען אין אים אַ נאָכמאַכער פון לוצקין. אָבער דער מחבר אַליין מאַכט קאַטאַוועס פון דעם איינפלוס פון לוצקיס ווערטער־שפּיל. ער וואָלט זיך געפילט גליקלעך צו דערגרייכן אַ טייל פון לוצקיס מייסטערשאַפט. אָט די באַשיידנקייט געפעלט מיר זייער. אַ טייל לידער ווירקן אויף אונדז דווקא נישט מיטן ווערטער־שפּיל און לוצקישער לצנות, נאָר גראָד מיטן עכטן געפיל.

באַזונדערס אינטערעסאַנט זיינען די לידער וועגן די שוואַרצע. ער האָט נישט קיין רחמנות צום שוואַרצן. נאָר ער זעט אין אים אַ מענטש, אַ פאַרפייניקטן, אַ נישט אַנטוויקלטן. און צוזאַמען מיטן דיכטער און זיין „פּיקינין" פרעגן מיר די זעלבע טענה: „פאַרוואָס געבוירן שוואַרץ בין איך? ביסט אויך שוואַרץ, מיין גאָט?!"

עס איז כדאי אַמאָל אָוועקצולייגן די „גרויסע", אָנערקענטע ווערק, די היימישע „בעסט־סעלערס" און אַריינקוקן אין געמיט פון אַזאַ באַשיידענעם דיכטער ווי מענדל טאַבאַטשניק.

לייענער פון אויסלאַנד:

אַ דאַנק בריוו מיט גוטע ווונטשן האָט דער מחבר באַקומען פון פּרעזי־דענט פון ישראל, ז ל מ ן ש ז ר.

ח ז ן י ש ר א ל אַ ל ט ע ר, ניו־יאָרק:

מיט גרויס פרייד האָב איך געבלעטערט אייער בוך לידער. איך בין זיכער, אַז די יידישע וועלט וועט פון אייער בוך שטאַרק הנאה האָבן.

און בלעטערנדיק אַזוי האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און באַמערקט ווי אייער אייניקל „טאָני" האָט גענומען ריידן צו מיר מיט זיינע געדאַנקען וועגן „פראַגן פון אחרית הימים".

— האָט זיך צעשפּילט מיין פידל,
אויסצוזינגען פאַר אייך אַ לידל.

פאַרטיק געוואָרן מיט דעם ניגון, האָב איך זיך אויף זיך אַליין ניט פאַרלאָזן. און עס איבערגעגעבן דעם גאָט־געבענטשטן זינגער, מיין פריינד סידאָר בעלאַרסקי, און בעלאַרסקי איז אויך מסכים מיט מיר, און ער נעמט דאָס ליד אַריין אין זיין רעפּערטואַר.

זייט האַרציק געגריסט פון מיין אַלטינקער און פון אייער באמת אויפ־ריכטיקן פריינד,

ישראל אַלטער.

מ נ ש ה אָ פּ פּ ע נ ה י י ם, פּאָפּולערער יידישער אַרטיסט און קינסטלער, ניו־יאָרק:

איך האָב געלייענט און געהאַט אַ גוואַלדיקע הנאה. דאָס בוך פאַרמאָגט גענוג און איבערגענוג מאַטעריאַלן פאַר קליין און גרויס.

זיין אינהאַלט האָט אַלע פאַזן פון לעבן, ווי: שטימונג, מוסר, סאַטירע, משל, אפילו „קיבעץ", צער און אויך פיל פרייד.

ווער שמועסט נאָך די קינדער־לידער — זיי זיינען דאָך אַ מילגרוים און פול מיט חן, ווי אַלע אייערע אייניקלעך, קיין עין הרע, געזונט זאָלן זיי זיין.

עס וואָלט צופיל פאַרנומען צו שרייבן וועגן יעדע פּאָעמע באַזונדער, אָבער אין אַלגעמיין איז יעדע אָפּטיילונג פול מיט נשמה און האַרציקייט.

איך דאַנק אייך זייער, ליבער טאַבאַטשניק, זאָלן אייערע הענט גע־שטאַרקט זיין און שרייבט נאָך און נאָך.

מיט ברכות,
אייער **מנשה אָפּפּענהיים.**

ח ז ן ב אַ ר ק אַ ן, טעקסאַס, אַמעריקע:

אייער בוך איז באמת שיין. לייענענדיק אייניקע פּאָעמעס האָב איך זיך דערמאָנט אָן לוצקין: אַלץ לעבט און אַלץ באַוועגט זיך. איבערהויפּט די קינ־דער־לידער זיינען זייער חנעוודיק. איך וועל פּרובירן שאַפן מוזיק צו אייניקע. אַ האַרציקן דאַנק פאַר דער שיינער מתנה.

אייער **באַרקאַן.**

ש מ ו א ל ג אָ ץ, בולאַוואַיאָ:
חשובער און ליבער פריינד מענדל טאַבאַטשניק:

איך האָב היינט געענדיקט לייענען אייער בוך. געהאַט אַן אמתן נחת־רוח.

אייער בוך איז אַ שאַפונג אָן פינטעלעך און פּאַסיקלעך, ווי איר דריקט זיך אויס אין אייער הקדמה. איר זייט גערעכט! זייער אָפט קומט מיר אויס צו לייענען פּאָעזיע מיט פינטעלעך ביז עס הויבט מיר אָן צו פינטלען פאַר די אויגן און איך לייג עס אַוועק. אייער בוך איז באמת לייכט און פאַרשטענד־לעך, באַלערנדיק, און דאָס איז טאַקע אַ בוך פאַרן פאָלקס־מענטש, אין אייניקע פון אייערע לידער פּילט זיך אַ ניצוץ פון קוהלת. איך בין איבערצייגט, אַז מיט אייער בוך וועט די יידישע ליטעראַטור באַרייכערט ווערן. אַ האַרציקן מזל־טוב אייך און כ׳ווינטש אייך לאַנגע יאָרן פון שאַפן.

אייער **שמואל גאָץ.**

א. ה אָ ר נ ז אָ ן, תל־אביב:
טייערער און חשובער פריינד מענדל טאַבאַטשניק:

אייערע לידער האָבן אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינ־דרוק. איך גלויב און בין זיכער, אַז איר זייט שוין געווען אַ משורר, אַ פּאָעט נאָך אין דער יוגנט, אין אייער געבוירן שטעטל קלעצק, ווייל אַנדערש איז זיך שווער פאָרצושטעלן די פלוצעמדיקע פאַרפּלייצונג פון אַזאַ שיינע פּאָעזיע.

אייער פּאָעמע „אין נאָמען פון מענטשן" זיינען געדאַנקען פון דער תורה און ווערטער פון אונדזער גרויסן נביא ישעיהו.

אייערע „פראַגן וועגן אחרית הימים" זיינען אַרויסגעזאָגט ביי אייך פון טיפן האַרצן, וואָס עס איז ביי אייך געווען איינגעוואָרצלט נאָך פון דער יוגנט.

איך דאַנק אייך פאַר אייער מתנה און ווינטש אייך מיט אייער פאַמיליע אַ גוטן יאָר.

ר ח ל ה אַ ל צ ע ר, פּאָפּולערע אַרטיסטין און רעציטאַטאָרין, מעלבורן, אויסטראַליע:

טייערער מענדל טאַבאַטשניק:

אייער בוך „מענטש און זיין אַרום" האָט מיך באמת דערפרייט און איבעראַשט. איך האָב באַלד, אויפן אָרט, באַוויזן „אַריינכאַפּן" עטלעכע לידער און זיי אויסנוצן, ווייל זיי געפעלן מיר ביז גאָר.

כ'בין אויך מסכים מיט אייערע אויספירן אין דעם אַריינפיר: צום לייענער. איך האָף צו האָבן פון אייערע לידער אַ „פּראַקטישן נוצן", אויסער דעם פּערזענלעכן פאַרגעניגן פון לייענען זיי.

נעמט צו מיינע בעסטע ווונטשן און גרוסן,

אייער **רחל האַלצער.**

צ י פ ה ה ר כ ב י (געוועזענע שילערין), תל־אביב:

ליבער און טייערער לערער מענדל,

אייער בוך האָב איך געבלעטערט, געלייענט און געזופּט און נאָך דעם ערשט געלייענט צוזאַמען מיט מיין נחומען.

איך בין טאַקע איינע פון די קליינע פּשוטע מענטשן, וועלכע קענען זיך ניט אַריינגריבלען אין אַבסטראַקטער דיכטונג, אייערע לידער דאַקעגןריידן צו מיר. זיי זיינען טאַקע פאַר מיר: פּשוט, לייכט, פאַרשטענדיק און גלייכצייטיק גאָר ניט אַזוי פּשוט... וויפל לעבנס־חכמה, געדאַנקען וועגן מענטש, היינט — זיין אַרום; די חיות, געוויקסן, וואָס זיינען געקניפּט מיטן מענטשן. היינט דאָס אַריינגעבן אַ רוח החיים אין טויטע זאַכן וואָס קיינער באַמערקט זיי ניט? אייער מיטווייטיק פאַרן שוואַרצן מענטשן און ועל כולם — אייערע קינדער־לידער האָבן מיר גערירט ביז טרערן.

איך בין שטאָלץ מיט אייך. איך ווינטש אייך אריכת ימים מיט אייער ליבער פייגעלען און מיר זאָלן נאָך הנאה האָבן פון אייערע ווייטערדיקע שאַפונגען.

אייערע שילער **ציפה** און **נחום הרכבי.**

בתיה ווײַנער, קיבוץ יגור, ישראל:

איך בין אַזוי איבעראַשט פון שמחה, דערהאַלטנדיק פון אײַך אַזאַ טײַערע מתנה — אײַער „מענטש און זײַן אַרום“. איך האָב זיך גלײַך צוגעכאַפּט צום לייענען, געגעבן חברים צו לייענען און מיר זײַנען אַלע באַגײַסטערט פון אײַערע לידער. איך האָב דערזען אונדזער שטעטל, אונדזער שול, אײַערע שיינע מעשהלעך פון פרצן און דעם טאָג האָב איך זיך ווידער געפילט ווי אַ קינד וואָס טראַכט פון זײַן לערער.

איך דאַנק אײַך זייער און ווינטש אײַך זיך עלטערן מיט אײַער ליבער פייגעלען.

אײַער, מיט ליבע, בתיה ווײַנער.

קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד פון יידן אין פוילן, אָפּטיילונג פון ביעלאָווער:

חשובער און טײַערער חבר און פרײַנד טאַבאַטשניק,

דערהאַלטן אײַער זייער וויכטיקן בוך „מענטש און זײַן אַרום“ פאַר וועלכן מיר דאַנקען אײַך פון טיפן האַרצן. לויט זײַן עסטעטישן אויסזען איז דאָס בוך באמת אַ שײַנדל אין אונדזער ביבליאָטעק, און אַ חוץ דעם איז דער אינהאַלט זייער אינטערעסאַנט און דער עולם האָט שטאַרק הנאה פון לייענען אים. נאָר צו אַזעלכע ביכער שטרעבן מיר, זיי זאָלן זיך שאַפן וואָס מער.

פאַרן פּרעזידיום: ווײַנרויב בערל.

פון שול־טוער ד. זאַוואַדסקי, בריסל, בעלגיע:

חשובער פרײַנד מ. טאַבאַטשניק:

הגם, איך האָב דאָס בוך שוין געלייענט ביי אונדזער לערערין פון דער שלמה מענדעלסאָן־שול, ביי דער ח׳טע בעלאַ שאַפּראַן, דאָך, בעת איך האָב עס דערהאַלטן האָב איך עס, ווי פון זיך אַליין, בנשימה אחת, נאָך אַמאָל איבערגעלייענט פון טאָוול ביז טאָוול.

מיך, אַלס פשוטן לייענער, האָט דאָס בוך פאַרשאַפט אַ גײַסטיקן געניוס: מען געפינט דאָרט פיינע מאַטעריאַלן, וועלכע קענען אויסגענוצט ווערן ביי פאַרשיידענע קולטור־אימפּרעזיעס און גאָר ספּעציעל פאַר אַ יידישער שול, דאָס וואָס מיר האָבן שוין געטאָן אויף אונדזערע שול יום־טובים.

אין נאָמען פון אונדזערע לערער און פון אונדזערע תלמידים, נעמט אָן, חשובער פרײַנד, אונדזער האַרציקן יישר־כוח.

אײַער, ד. זאַוואַדסקי.

● דער פּאַרוואַלטער פון דער יידישער שול אין סידנעי (אויסטראַליע), מ. אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר שרייבט (6טן מיי):

דער עיקר וועל איך אויסניצן אייערע לידער און שפּיל פאַר די קינדער פון דער יידישער שול. אויפן נאָענטסטן שול־יום־טוב וועל איך לאָזן אויפפירן אייער אלף בית־שפּיל וואָס איז גאָר אַן אוצר. (איז אויפגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג, לויט אַ שפּעטערדיקן בריוו).

● דער באַקאַנטער אַקטיאָר און רעזשיסער י ע ק ב ו ו י י ס־ ל י ץ שרייבט פון מעלבורן (29טן סעפּטעמבער):

אַ דאַנקשאַפט פאַרן בוך „מענטש און זיין אַרום". — — דאָס איז געווען פאַר מיר אַן איבערראַשונג. — — דער ספר דיינער האָט געמאַכט ממש אַ רושם. — — האָסט זיך אַנגענומען מיט כוח און זיך באַוויזן מיט אַזאַ טייערן בוך לידער.

י. ט ר ו ב אָ ו ו י ט ש, תל־אביב, ישראל:

זייער געערטער מענדל טאַבאַטשניק:

מיין האַרציקן דאַנק פאַר דער פּרעכטיקער מתנה. איך האָב אייער בוך געלייענט פון „מיין ליד" ביז „אלף־בית". מערערע זאַכן געלייענט פיל מאָל, פאַר זיך און פאַר פריינד. מה נאמר ומה נדבר? שווער צו זאָגן וואָס עס איז מער צו באַוונדערן, אייער גרויסקייט, אָדער גראַדע די איינפאַכקייט פון אויסדריקן אַזעלכע הויכע לעבנס־אמתן אין אַ לייכטער, טאָג טעגלעכער, פאַרשטענדלעכער שפּראַך.

איך, מיין פרוי און אַלע וועלכע האָבן געלייענט אייערע לידער זיינען ממש אַנטציקט און מיר אַלע ווינטשן אייך נאָך לאַנגע, שעפערישע יאָרן.

אייער י. טרובאָוויטש.

ז ל מ ן ס אַ ג י נ אָ ר, העברעאישער לערער, בוענאָס איירעס:

טייערער, האַרציקער פריינד מענדל טאַבאַטשניק:

אייער בוך „מענטש און זיין אַרום" האָט מיך איבערראַשט און איך שטאָלציר מיט אייך. איך האָב דאָס בוך גענומען בלעטערן און בלעטערנדיק האָב איך גלייך דערפילט, אַז דאָס איז אַ בוך צום שטודירן. טאַקע נאָכן אי־בערלייענען איניקע פאָעמעס ווי: „גאָט", „יאָרן", „לעצטער גאַנג", „מצבות", „ווי מצבות ריידן", ווילט זיך מיר אָנשרייבן אַ גאַנצן „שיר־השירים", אָבער, כ'האָב מורא, אַז מיין שוואַכע פען קען מיר נאָך פאַרפירן צו קוהלת.

אַ האַרציקן יישר־כוח אייך. נאָך אַ סך גליקלעכע יאָרן און שאַפן.

אייער זלמן סאַגינאָר.

מאַניע נהיר / חדרה ישראל:

טײַערער מענדל!

איך זאָג טײַערער, ווײַל דו ביסט טאַקע טײַער און האַרציק, ווי טײַער און האַרציק עס זײַנען דײַנע לידער. און איך ווײס אַלײן ניט וואָס איז מער טײַערער — דײַנע לידער צי דײַן גוט האַרץ, דאָס האַרץ וואָס האָט באַשאַפן די לידער? פאַרשטײסט ווי שלום צו מאַכן מיט דער וועלט, דו ווײסט ווי ליב צו האָבן און נתפּעל ווערן פון הימל און ערד; שטײסט אויף אינדערפרי און באַזינגסט דעם נײ־געבוירענעם טאָג, און אין די דעמערונגען באַגלײטסטו שטיל די הימל־רויטע זון־פאַרגאַנגען.

איך דאַנק דיר, מענדל, פאַר דײַן בוך לידער, פאַר זײער פּשטות, אמת געפיל און אויך חכמה.

איך שיק דיר עפּעס פון מײַנע מאָרגן־געזאַנגען, ווי אַ דאַנק־ליד פאַר דײַן בוך.

דורך שאַפן איבערווינדן מיר אונדזער צער אין אַ ליכטיק דערהויבן געזאַנג.

ליכט פון ליכט

פאַר מענדל טאַבאַטשניק — אַ מתנה

ווי באַפליגלט פלי איך,
זינגעוודיק און לײַכט —
אַ ווײַסע טויב אין שויס פון בליאַיק־גרינער וועלט,
צי אַ ליכטיק קאָרנבלום אין גאָלדיק זאַנגען־פעלד
און אפשר גאָר דאָס צאַרטע ליד אין פּאַסטעכס פלײַט?
איך שפּיל מיט שאָטן און מיט ליכט
אויף זילבער־פינקלדיקע בערג —
איך טוי —
איך זון —
איך בלום —
איך פרייד —
איך ליכט —
איך האָב צונויפגעגאָסן זיך מיט דיר,
מיט דיר — אַ גאָלדענער פרימאָרגן,
ליכט פון ליכט!
דײַן הימל און איך
מיר הויכן איין
דעם אָטעם פון גאָט
מיט גליק און פרייד.

מרים סווירנאָווסקי (אַ געוועזענע שילערין פון מחבר), תל־אביב:

ליבער מענדל:

אַ דאַנק פאַר אייער ווערטפולער מתנה.

אייער בוך האָב איך ניט געלייענט נאָר געשלונגען. און איצט וועל איך אים ווידער אָנהויבן לייענען.

איך בין אָבער ניט פעאיק זיך אויסריידן וועגן אייער בוך ווי איר רעדט זיך אַראָפּ וועגן מענטש און וועגן זיין אַרום, ווו איר פירט אַרויס דעם בן־אדם מיט אַלע זיינע שוואַכע און פיינע שטריכן און שטענדיק אויף דער זייט פון באַעוולטן.

פון אייערע קינדער־לידער ווייעט אַ ווינט פון אונדזער באַליבטער פאָלק־שול, פון אונדזערע קינדער־יאָרן, וועלכע איר האָט באַלויכטן מיט אייער פעדאַגאָגישן און דערציערישן צוגאַנג.

איך ווינטש אייך דערפאָלג אין אייער וויטערדיקן שאַפן.

אייער שילערין, מאַריאַשע לידער.

חיים פרענקעל, אויסטראַליע:

חשובער ר׳ מענדל טאַבאַטשניק:

אַ האַרציקן דאַנק פאַר אייער פאָלקסטימלעכן, האַרציק פּשוטן בוך. איך בין אַ אידיש־לייענער שוין אַריבער 50 יאָר, כ׳האָב אַ פיינע ביבליאָטעק, אָבער זייער ווייניק פּאָעזיע, טאַקע צוליב די אייגענע טעמים וואָס איר זאָגט „צום לייענער". אָבער אייער פּאָעזיע לייענט זיך אַזוי לייכט און געשמאַק, אַז עס איז אַ מחיה. און יעדער איינער וואָס לייענט אייער בוך איז זיך מחיה. איז ווינטש איך אייך נאָך לאַנגע יאָרן פון שאַפן, טאַקע אין זעלבן זשאַנער, וואָס זאָל זיין פאַרשטענדלעך אויך פאַר אַן „עמך"־מענטשן.

אייער חיים פרענקעל.

בערל ראָזנער, לאָנדאָן:

באַקומען אייער בוך „מענטש און זיין אַרום", וועלכן איך האָב געלייענט מיט גרויס אינטערעס. עס איז אַ שיינער און וויכטיקער בוך און איך גראַטוליר אייך. ווי אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון „ייוואָ" אין לאָנדאָן האָב איך דעם כבוד אייך מיטצוטיילן דאָס מיר וועלן אייער בוך פּרעזענטירן צום בריטישן מוזעאום.

מיט בעסטע ווונטשן,

אייער בערל ראָזנער.

ד ו ד ק ו ל אַ ק אָ ו ו ס ק י, קאַסיר פון דער קהילה, בוענאָס איירעס:

בעסטער פריינד מענדל טאַבאַטשניק:

עס פרייט מיך באמת צו זען אייער לידער־בוך. איך האָב געבלעטערט, טיף אַריינגעקוקט און געפילט אַ גייסטיקן געבוס.

דאָס בוך „ליגט פאַר מיר אָפן, איך לייען און לייען אים טויזנטער מאָל". אין יעדן ליד זע איך אייך, און זאָג זיך אַליין: „לא אלמן ישראל", כל זמן עס זיינען נאָך דאָ אַזעלכע יידן ווי מענדל טאַבאַטשניק, איז אונדזער קיום אַ זיכערער.

איך באַגריס אייך און ווינטש אייך אַ סך פרוכטבאַרע יאָרן אויפן ליטעראַרישן געביט.

אייער חבר און פריינד, **דוד קולאַקאָווסקי.**

פ ר ו מ ע ק ו ל אַ ק אָ ו ו ס ק י, בוענאָס־איירעס:

ליבער און טייערער מענדל:

ווי נאָר מיר האָבן דערהאַלטן אייער בוך לידער, האָב איך זיך טאַקע גלייך צוגעכאַפּט צו אים און דאָס בוך ניט אָפּגעלאָזן. יעדעס ליד איז לייכט צו פאַרשטיין און שפּאַנענדיק. באַזונדערס די קינדער־לידער זיינען אויסגעצייכנט, פיין און אָנגענעם.

אייער קינדער־אָפּטיילונג האָט מיך אין אַ קינד פאַרוואַנדלט און איך האָב באַקומען אַ געפיל ווי צום טאַנצן און זינגען, ווי כ'וואָלט מיינע נישט אויס־געלעבטע קינדער־יאָרן געפונען.

מען זאָגט: „ווילסטו דעם שרייבער קענען, גיי אין זיין לאַנד". טאָ שטעל זיך פאַר, אַז איך קען דעם שרייבער און אפילו זיין שטעטל. ווי פריידיק איז מיר דאָס געפיל, אַז איך דערלויב מיר אַזש צו זאָגן: דו, ברודער, חבר! אַזוי נאָענט און היימיש זע איך דיר און פיל דיר אין דיינע לידער און משלים. איך בין שטאָלץ מיט דיין בוך און ווינטש דיר אריכת ימים מיט דיין פייגעלען צוזאַמען.

דיין **פרומע קולאַקאָווסקי.**

ש מ ח ה ר ע ז נ י ק (אַ געוועזענער שילער פון דער מירער יידישער פאָלקס־שול), תל־אביב:

ליבער לערער מענדל,

איך פיל אַזוי פיל צו שרייבן, ווייל איך בין אונטערן איינדרוק פון אייער לידער־בוך. אייער בוך איז אַ קוואַל, וואָס מער מען שעפּט אַלץ פולער ווערט ער. אַזאַ שפע פון לידער, משלים, פאָלקס־ווערטלעך און באַקרוינט מיט אַזאַ הערלעכער פאָלקס־שפּראַך. און דער אינהאַלט? פילאָסאָפישע טעמאַטיק, באַ־

ציאונג פון מענטש צו גאָט, אָנדייטונג פון מוסר פון אַן אַלטן תלמיד־חכם. אַזוי פיל געדאַנקען פון בין אדם לחברו, פון מענטש, חיה, פויגל, בוים און שטיין און אַלץ פון „מענטש און זיין אַרום״.

פון יעדער שורה שפּרודלט אַ וועלט מיט חכמה, היינט דאָס געזאַנג פאַר אונדזערע קינדער ?

ליבער מענדל, אַ גרויסן יישר כוח אייך. מיט פרייד און אומגעדולד דערוואַרט איך אייערע וויַיטערדיקע ווערק.

אייער **שמחה רעזניק.**

ב ר ו ר י ה ר אַ ז נ ב ל ו ם (אַ געוועזענע שילערין), תל־אביב :

אָפּנעמענדיק אייער בוך „מענטש און זיין אַרום״ בין איך אַריין אין אָמניבוס, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און גענומען לייענען, לייענען און פאַר־געסן וווהין איך פאָר, און צוריק אַזוי געפאָרן און געלייענט.

פון איבעראַשונג בין איך שוין אַהיים ניט געגאַנגען, נאָר זיך אָפּגע־שטעלט ביי באַקאַנטע, ביי לאַנדסלייט און פריינד און פאַר אַלעמען פאָרגע־לייענט די שאַפונגען פון אונדזער לערער מענדל טאַבאַטשניק.

און איצט, ווו נאָר מיר טרעפן זיך, מיר, אַמאָליקע שילער אייערע, האָבן מיר נאָר איין טעמע: אייער בוך פון וועלכן מיר רעציטירן גאַנצע פּערזן.

איך בין שטאָלץ מיט אייך, מענדל! דער לערער און דערציער פילט זיך אויף יעדן בלעטל פון בוך.

זייט געגריסט,

אייער **בריינדעלע ראַטנער.**

ל ע ר ע ר י ן ר ײ ז ק ע, קיבוץ „יפעת״, ישראל :

למנדל היקר :

דערהאַלטנדיק דיין בוך האָב איך געפילט ווי אַ מחייהדיק שמעקענ־דיקער ווינטל פון די אַמאָליקע „גרינינקע ביימעלעך״ האָט אַ ווייע געטאָן אויף מיר.

איך האָב זיך דערמאָנט אונדזער צוזאַמענאַרבעט אין דער מירער יידי־שער פאָלקס־שול. פאַר מיינע אויגן זיינען דורכגעגאַנגען דיינע קינסטלערישע קינדער־פאָרשטעלונגען און אין דיין בוך זע איך דיין המשך פון אַמאָל, גע־שריבן אַזוי פשוט און קלאָר, לויטערע געדאַנקען וואָס דרינגען אַריין טיף אין יעדערנס האַרץ: — „לויף נישט מענטש, קוק זיך אַרום״. די ווערטער ריידן צו דיר און ס׳העלפט דיר לייזן די רעטענישן פון לעבן.

אַ שיינעם דאַנק דיר, מיין חבר מענדל, פאַר דער ליבער מתנה.

רייזקע.

ציטאַטן פון בריוו:

● די דיכטערין ש ר ה א י י ז ן, פון קייפטאָן, שרייבט:

ערשט נעכטן באַקומען אייער בוך, אַ גרויסן דאַנק. עס איז אַ ליכטיקער בוך, אַ גוטער בוך. — — אין די מערסטע לידער איז דער סטיל קלאַסיש און האָט אַ שלל פון פיין געשניצטע אויסדרוקן. איך וועל נאָך וועגן דעם אַלץ שרייבן אין אַן אָפּהאַנדלונג.

ב ע ר ל אַ ב ר אַ מ ס אָ ן ע״ה:

ליבער מענדל,

אַדאַנק פאַר דער שיינער מתנה. איבערלייענדיק די ערשטע צוויי פּאָעמעס „גאָט״ און „אכסניה ערד״ האָב איך זיך פּשוט מחיה געווען.

די פּאָעמע „גאָט״ שמעקט דאָך מיט ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער און „אכסניה ערד״ איז דאָך אַ שטיק פילאָסאָפיע! און ווי געשמאַק, ווי שיין, ווי לייכט צו פאַרשטיין. מענדעלע, דו האָסט מיר פאַרשאַפט אַזוי פיל פאַרגעניגן. זיי מיר מוחל דעם „דו״ מחמת דו ביסט מיר איצט נאָענט געוואָרן. דו ביסט מיט דיין טאַלאַנט ביי מיר איצט גרויס געוואָרן.

טאָ זיי זשע געזונט און שטאַרק און שרייב, שרייב „נאָך און נאָך״.

דיין בערל

ל א ה ב ע נ ס אָ ן, יידישע שרייבערין, קייפטאָן:

אייער בוך „מענטש און זיין אַרום״ איז פאַר מיר די בעסטע מתנה, אַדאַנק. כאָטש איך בין ניט ראוי צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן אייערע לידער, דאָך וויל איך ניט אַוועקנעמען פון זיך דעם פאַרגעניגן אויסצודריקן דאָס וואָס איך פיל:

אייער בוך דאַרף מען ניט לייענען, נאָר לערנען פונקט ווי אַ ייד אַ למדן לערנט די גמרא. מ׳מוז אים שטענדיק האַלטן אָפן פאַר זיך און פון צייט צו צייט אַריינקוקן און לערנען, לערנען.

אין יעדן ליד, אין יעדער שורה פילט זיך אַ צאַרטע, האַרציקע נשמה.

איז קיין נאָך אַ וווּנדער ניט וואָס אייער בוך האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל אַנערקענונג און באַגייסטערונג.

איז ווינטש איך אייך נאָך לאַנגע יאָרן פון פּראָדוקטיוון שאַפן.

מיט אַכטונג און בעסטע ווונטשן,

אייער לאה בענסאָן.

י ו נ ה ל ע ו ו י ן, יאָהאַנעסבורג, שרייבט פון מעסינאַ:

לייענענדיק אייער בוך אין דער הייסער מעסינאַ איז מיר פּלוצלונג קיל געוואָרן און כ׳האָב געגומען פרייער אָטעמען פון אייערע „וויסינקע שנייעלעך״. ווו האָט איר גענומען אַזאַ שפּראַך, אַזאַ ריטם — זייט איר אַ מוזיקער אויך? אויף צו שרייבן אַזוינע לידער דאַרף מען פון קיינעם קיין הס־

כמה ניט האָבן, דעריבער — פאַר וואָס אַזוי אַפּאָלאָגעטיש אין „מיין ליד" וועגן אייער „פשטות־קרוין" ?

אייער בוך האָט מיך איבעראַשט און איך ווינטש אייך און בין זיכער אַז דאָס איז דער וווּנטש פון הונדערטער אַנדערע, איר זאָלט פאַרזעצן אייערע וויכטיקע שאַפונגען.

אייער **יונה לעווין.**

ישראל מייקל, קייפּטאַון :

גוטער פריינד מענדל טאַבאַטשניק :

עס איז געווען אַן אמתער גענוס צו לייענען אייערע שפרודלדיקע שורות, וועלכע שרייען אַרויס ממש מיט אַ ברענענדיקן פּראָטעסט פאַר דעם באַעוולטן און אונטערדריקטן.

מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אַ שטאַרקע נאַטור זיך אַרומצוטראָגן מיט אַזאַ רייכן באַגאַזש פון פּאָעזיע, פאַרשלאָסן אין זיך און ניט לאָזן וויסן דער וועלט פון אַזאַ אוצר־רעיונות, וואָס האָט שוין לאַנג געקאָנט זיין אַ גרויסער בייטראָג צו דער יידישער פּאָעזיע.

אייערע **„פּאַראַדאָקסן", „צער בעלי־חיים", „גסיסה־געזאַנג"** זיינען אַזוי געשילדערט, אַז איך בין אָרעם אויסצודריקן מיינע שבחים צו אייך.

זעצט פאָר אייערע גוטע שאַפונגען נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן.

אַ האַרציקן דאַנק אייך.

אייער **ישראל מייקל.**

ש. משולבין, יידישער שרייבער, יאָהאַנעסבורג :

חשובער מ. טאַבאַטשניק,

דערהאַלטן אייער בוך לידער. עס פילט זיך אַ וואַרעמקייט אין די אַלע שורות פון אייער בוך. בפרט נאָך אין אַזאַ קאַלטן טאָג ווי היינט — ליג איך מיר אין בעט און בלעטער בלאַט פאַר בלאַט, גיי אַריבער פון איין ליד צום אַנדערן און האָב הנאה.

איבערהויפּט שטעל איך זיך אָפּ ביי די קינדער־לידער. זייער לעבע־דיקייט און לוסטיקייט קען אפילו אָפּפרישן אַ זיידן, וואָס האָט שוין באַלד פאַרגעסן, אַז ער איז אויך אַמאָל געווען אַ קינד.

מיט גרויס דאַנק און האַרציקע גרוסן,

אייער **ש. משולבין**

רבי עלטאָן (ענגליש) :

ליבער מ. טאַבאַטשניק,

אַדאַנק פאַר אייער בוך. אייער ווערק איז אַ קינסטלערישע. איך האָב אַ גרויסן פאַרגעניגן צו לייענען אייערע פּאָעמעס וועלכע נעמען אַרום אַזאַ

ברייטע קאַנווע פון מענטשלעכן לעבן. אַ באַזונדערן איינדרוק מאַכן אייערע קינדער־לידער און איך האָף נאָך צו זען אייער אלף־בית אויף דער בינע.

נאָך אַמאָל אַ דאַנק,

אייער מ. עלטאַן.

● דער באַקאַנטער קולטור־טוער פון קייפּטאַן ב ע ר ל פּ אַ־ ד אָ ו י ט ש שרייבט (10טן יאַנואַר):

וואָס פֿאַר אַן איבערראַשונג ס'איז פֿאַר מיר דיין בוך לידער, כ'האָב דערוואַרט צו זען אויף דער וועלט דיין ראָמאַן, פון וועלכן איך האָב טיילן געלייענט אין מאַנוסקריפּט, און דאָ אַזוי אומדערוואַרט — אַזאַ פּרעכטיקן בוך לידער. איך האָב אים פּשוט איינגעשלונגען. איבערגעלייענט בנשימה אחת. אַנדערש קען מען גאָר ניט — הייבט מען אַן לייענען, לאָזט עס דיך נישט אָפּ.

● דער קולטור־טוער און רעציטאַטאָר א. ר ו ב י נ ש ט י י ן פון קייפּטאַן שרייבט (22טן דעצעמבער):

ווי נאָר כ'האָב אויפגעעפנט דאָס בוך און אָנגעהייבן לייענען דאָס ערשטע בלעטל: די הקדמה, „מיין ליד", „גאָט", האָב איך עס שוין מער ניט אַוועקגעלייגט, נאָר דורכגעלייענט ביז צום ענדע. איך בין אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ סך פון אייערע לידער, אַז כ'האָב ווידער געמוזט אָנקוקן דאָס בילד פון מחבר, איז דאָס טאָקע דער מענדל טאַבאַטשניק, וועמען כ'קען?

פּראָפעסאָר רבי ס. ר אַ פּ אָ פּ אָ ר ט (ענגליש):

חשובער מ. טאַבאַטשניק,

איך בין געווען איבערגליקלעך צו לייענען אייער לידער און פּאָעמעס. אין אייערע לידער ווערט אָפּגעשפּיגלט די אידעלע, פיינע נשמה פון מחבר, און אַזוינע האַרציקע גוטע געפילן פאַר דער מענטשהייט.

באַזונדערס האָט מיך איבעראַשט די אָפּטיילונג „דער שוואַרצער און זיין וועלט", ווי אויך אייערע האַרציקע קינדער־לידער.

מיט בעסטן דאַנק און גוטע ווונטשן,

אייער, ס. ראַפּאָפּאָרט

די פרויען־סעקציע ביי דער קולטור־פעדעראַציע האָט איינגעאָרדנט אין פאַרשיידענע פונקטן פון יאָהאַנעסבורג לעקציעס וועגן בוך „מענטש און זיין אַרום".

פ ר וי ד י נ ה ק אַ ץ, אַ באַקאַנטע לעקטאָרין אויף ליטעראַרישע טעמעס, האָט זיך געטיילט מיט אירע איינדרוקן וועגן דעם בוך, וואָס זי האָט פּאָזיטיוו באַהאַנדלט.

אַלע לעקציעס זיינען גוט באַזוכט געוואָרן און די רעדנערין איז באַדאַנקט געוואָרן פאַר אירע פאָרטראַגן.

דרום-אַפריקאַנער יידישע און ענגלישע פרעסע —
רעצענזיעס, אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען:

ר ח מ י א ל פ ע ל ד מ אַ ן —

"JEWISH TIMES" :

ד. ו ו אָ ל פ ע —

"ZIONIST RECORD" :

„דרום־אַפריקע": פּייוול זיגלבוים און ל. לייבאָוויטש

„אַפריקאַנער אידישע צייטונג": ד ו ד פ ר אַ ם

„יום־טוב בלעטער": ה. ש י ש ל ע ר

„ראש־השנה יאַר בוך": ז ל מ ן ל ע ו ו י

„ברקאי": י. ר ו ב י ק

אַלע ניט דאַטירטע אויסצוגן, בריוו, א"א זיינען געשריבן אין די יאָרן 1963/4.

אינהאַלט

זייט

איז וואָס זשע . . . — — — — — — 9
מאַמע־לשון — — — — — — — 10
די שונאים פון יידיש צו להכעיס
— 11
טרערן — — — — — — — — — 12
גלויבן — — — — — — — — — 13
הפקר אַ וועלט — — — — — — 14
מיין קינדערשער ערב יום־כפור
— 15
באַלאַדע פון אַ געטאָ־מאַמע — — 17
חורבן־נעסט — — — — — — — 19
דזשאַקאַראַנדאַ־בלומען — — — 21
אין אויטאָ — און צופוס — — 23
אין עראָפּלאַן — — — — — — 25
שאָטן — — — — — — — — — 27
דעם טיגערס מאָנאָלאָג — — — 30
ביימער — צוזאַמען . . . — — 34
סאָציאַליסטישע טעאָריעס — — 38
דאָס לעבן — — — — — — — 42
שפּילצייג — — — — — — — — 51
אַ חתונה — — — — — — — — 63

קינדער־לידער

קינדער ביים ברעג ים — — — 118
שרהלע און רינגעלע — — — 121
הינטל־פּינטל — — — — — — — 123

דאָס גאָלדענע קייקעלע

— — — 127
מוזיק־נאָטן צו די לידער אין „דאָס
גאָלדענע קייקעלע“ — — — 143

אָפּרופן וועגן בוך „מענטש און זיין
אָרום“ — — — — — — — 148